STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05344

IVETA

Guy de Maupassant

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גיואי דע מאָפּאַסאַן.

איוועטא.

ראָמאַן.

פערלאַג
א. גיטלינ׳ס פאָלקס-ביבליאָטעק.
וואַרשוי.
תרע״ב
1912.

This book once owned by a South African reader, has been preserved by the
Cape Town Yiddish Cultural Federation
and returned to circulation by the
National Yiddish Book Centre
of South Hadley, Mass. U.S.A.
May it thus inspire us to keep alight the flame of Jewish life and learning.

WARSZAWA

Drukarnia SZ. SIKORA i I. MYLNER Nowolipki 6

I.

— אויב דו ווילסט וועלען מיר געהן צו פוס, עס איז פשוט
אַ שאָד זיך צו זעצען אין אַ קאַרעטע ביי אַזאַ וואונדערשענעם
וועטער, — האָט זשאַן דע-סערוויני געזאָגט צו לעאָן סאוואל,
וועהרענד זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון קאַפּע ריש.

— מיט פערגניגען, — האָט זיין פריינד געענטפערט.

— איצט איז ערשט עלף דער זייגער, — האָט זשאַן ווייטער גערעדט; — מיר וועלען קומען אַ שטיק פאַר האַלבע נאַכט, דעריבער קאָנען מיר געהן פּאַמעליכער.

אויפ'ן בולוואַר האָט גערוישט אַ מאַסע מענשען, דערהויפּט פיעל שפּאַציערענדע אין די זומער-נעכט; אַלע האָבען געלאַכט, געפּלוידערט, געגעסען, געטרונקען און זיך געצויגען אַלץ פאַרווערטס און פאַרוועַרטס, אַזוי ווי דער שטראָם פון אַ ריזיגען טייך, פול שמחה און לוסטיגקייט. ערטערווייז האָבען געגלאַנצט די העלע פייערען פון די קאַפּע-הייזער און בעלויכטען די רייהען טישלעך, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט דאַנעבען אויפ'ן טראָטואַר. די געזיכטער פון די זיצענדע אַרום זיי, די פלעשער און גלעזער. און איבער'ן ברוק זענען כסדר דורכגעפלויגען דראָזשקעס מיט רויטע, בלויע אָדער גרינע לאַמטערנעס; די פייערען פון די קאַפּעהייזער האָבען אויף איין אויגענבליק בעלויכטען דעם מאָגערען סילועט פון פערד, די הויכע פיגור פון קוטשער און די דונקעלע קאַרעטע. די קאַרעטען פון דער געזעלשאַפט אורבען האָבען אין אָוועֶנד אויסגעזעהן גאָר געל און גלענצענד.

די צוויי גוטע פריינד זענען געגאַנגען פּאַמעליך און גערויכערט ציגאַרען; זיי זענען ביידע געווען געקליידט אין פראַקען, מיט בלומען אין די קנאָפּלעכער, זייערע מאַנטלען האָבען זיי געטראָגען אין די הענד און די צילינדערס זענען געווען פערררוקט אויף אַ זייט, אַזוי ווי עס טרעפט אַמאָל נאָך אַ גוטען מאָלצייט אין

הארטע זומער-איוענרען.

די יונגע לייט זענען געווען בעפריינדעט שוין פון גאנץ לאנג, נאך פון די שול-יאהרען, און האבען זיך איינער דעם אנדערען שטארק געליעבט.

זשאן דע-סערוויני, קליין, שלאנק, דער קאפ אביסעל אויסגעקראכען, עטוואס מאגער, נאר זעהר עלעגאנט, איז געווען פונקט ווי בעשאפען צו לעבען אין וואוילטאג און צו׳ם נאכטלעבען פון בולוואר. אויסגעזעהן האט ער שוואך און בלאס, נאר אין אמת׳ן איז ער געווען זעהר שטארק און אונערמידליך, חאטש עס האט זיך געדוכט, אז ער איז שטענדיג פערמאטערט. ער איז געווען איינער פון יענע פאריזער לעבע-לייט, וואס לעבען מיט די נערווען און שטארקען זייער געזונד און קראפט דורך שטענדיגע גימנאסטיק, פעכטען און קאלטע וואנעס. זשאן איז איבעראל געווען בעקאנט מיט זיינע הולאנקעס און שארפזיניגקייט, ער איז געווען זעהר רייך און בעפריינדעט מיט פיעל וויכטיגע פערזאנען, דערצו נאך האט ער אלעמען בעצויבערט מיט זיין פריינדליכקייט און פארנעהמהייט.

בכלל איז סערוויני געווען א טיפישער פאריזער; לייכטזיניג, נאר סקעפטיש אין הארצען, אונבעשטענדיג, היציג, ענערגיש און אונענטשלאסען, פעהיג צו טהון אלץ און גארנישט, פרינציפיעל עגאאיסטיש, נאר צייטענווייז זעהר פריינגיעביג, האט ער מיט פערשטאנד פערלעבט נאר די הכנסות פון זיין פערמעגען, געלעבט א גוטען טאג, אבער אין דער מאס, כדי זיך נישט צו פערדארבען דאס געזונד. טיילמאל לייכטזיניג, טיילמאל גלייכגילטיג, האט ער זיך צייטענווייז געקאנט צעהיצען פאר א זאך ביז צו׳ם פערגעסען זיך זעלבסט, נאר דאן האט ער זיך גלייך ווידער בערשט, זיך שטענדיג אבגעגעבען צו די סאמע געגענגעזעצטע אינסטינקטען פון זיין וועזען. און סוף כל סוף האט ער געפאלגט נאר זיין אייגענעם פערשטאנד פון א לעבע-יונג, וואס האט שוין פיעל דורכגעמאכט און זיך געשטעלט א כלל אין לעבען, אויסצונוצען אלע אומשטענדען, כדי צו דערגרייכען זיינע צוועקען, נאר אליין זאל ער קיינמאל נישט מיטהעלפען זייער ענטוויקלונג.

זײַן פֿרײַנד, לעאָן סאַוואַל, אויך זעהר רײַך, איז געוועזען אײנער פֿון יענע שענע ריזען, אויף וועלכע פֿרויען פֿערקוקען זיך שטענדיג אין די גאַסען: ער האָט גיכער געמאַכט אַ אײַנדרוק פֿון אַ מאָנומענט ווי פֿון אַ לעבעדיגען מענשען, אָדער ער האָט געשײַנט צו זײַן דער אויסגעוועהלטער טיפּ פֿון אַ גאַנצער ראַסע, אַ געגענשטאַנד, אַ מאָדעל פֿון די יעניגע, וואָס ווערען אויף די אויסשטעלונגען געשיקט. ער איז געוועזען צו שען, צו הויך און צו שטאַרק און זײַן אײנציגער פֿעהלער איז געוועזען טאַקי דאָס, וואָס ער האָט געהאַט צופֿיעל מעלות. סאַוואַל האָט אין זײַן לעבען דורכגעמאַכט זעהר פֿיעל ראָמאַנען; ער איז פֿרויען שרעקליך געפֿעלען.

— און דו האָסט אָנגעזאָגט די דאָזיגע דאַמע, אַז דו וועסט מיך הײַנט ברענגען צו פֿיהרען צו איהר? — האָט לעאָן סאַוואַל געפֿרעגט, ווען זיי זענען צוגעגאַנגען צום טעאַטער וואָדעוויל סערוויני האָט זיך צעלאַכט.

— אָנזאָגען די מאַרקיזע אַבאַרדי! — האָט ער אויסגעשריען, — אָבער, מײַן ליעבער, צי דען זאָגסטו אָן פֿאָראויס דעם קוטשער פֿון אָמניבוס, צו דו רעכענסט אַרײַנצושפּרינגען אין איהם?

— וואָס־זשע איז דאָס פֿאַר אַ דאַמע? — האָט סאַוואַל געפֿרעגט.

— „דאָס איז אַן׳אמת׳ע אויפֿגעקומענע גביר׳טע, — האָט איהם זײַן פֿרײַנד געענטפֿערט, — אַ טיפּישע, נאָר בעצויבערנדע אַוואַנטוריסטין. ווי און פֿון וואַנען זי האָט זיך גענומען און מיט וואָס זי האָט זיך אַרעפּוטאַציע געמאַכט — דאָס ווײס איך ווירקליך נישט, און צי דען איז עס נישט אַלץ אײנס פֿאַר אונז? מען זאָגט, אַז איהר אמת׳ער מעדעל׳שער נאָמען איז אָקטאַוויע באַרדען, נאָר זי האָט זיך אַ נאָמען געגעבען אָבאַרדי, וואָס בעשטעהט פֿון ערשטען בוכשטאַב פֿון איהר נאָמען און די ערשטע פֿיער בוכשטאַבען פֿון פֿאַמיליען־נאָמען.

„איבריגענס איז זי אַ גאַנץ ליעבע פֿרוי און דו וועסט געוויס ווערען איהר הערצענס־פֿרײַנד, זי האָט ליעב אַזעלכע ווי דו... מען קאָן זיך פֿאָראויס פֿאָרשטעלען, וואָס עס וועט געשעהן, ווען

מען וועט בעקענען הערקולעס'ען מיט מעסאלינ'ען. פון דעסטוועגען מוז איך דיר זאגען, אז חאטש ווער עס וויל קאן קומען אין יענעם הויז ווי אויף א יריד, דאך צווינגט מען דארט קיינעם נישט צו קויפען אונבעדינגט דאס, וואס ווערט ארויסגעשטעלט. דארט שפּילט מען אי אין קארטען, אי אין ליעבע, נאר מעגסט זיך נישט שפּילען און אוועקגעהן ווען דו ווילסט.

„מיט דריי יאהר צוריק האט זיך אבארדי בעזעצט אין שטארט-פיערטעל פון שטערען (א גאנץ פערדעכטיג ארט) און האט דארט געעפענט איהרע סאלאנען פאר פערשידענע שלעפער-אויסלענדער, וואס קומען צו פאהרען, כדי צו ערשטוינען פאריז מיט זייערע פערשידענארטיגע טאלענטען, על פי רוב גארנישט קיין פיינע.

„ווי קום איך צו איהר? עהרענווארט, איך ווייס שוין נישט. איך האב דארט אנגעהויבען קומען, אזוי ווי מיר קומען אלע אין די הייזער פון דעם סארט, וואו מען שפּילט אין קארטען, וואו מען געפינט פיעל פרויען, צו וועלכע יעדער קאן צוגעהן, און אפשר אויך נישט וועניגער מאנסלייט מיט א גאנץ צווייפעלהאפטער רעפּוטאציע. איך ליעב זעהר די דאזיגע אוואנטוריסטען-וועלט; על פי רוב זענען דאס אלץ אויסלענדער, וואס זענען בעפוצט מיט פערשידענע ארדענס, אלע כסדר פארנעהמע לייט מיט הויכע טיטלען, נאר קיינער פון זיי איז נישט בעקאנט זיין געזאנדשאפט, אויסער די, וואס דינען אלס שפּיאנען. אט די אלע הערען שווערען זיך א ליאדע וואס מיט זייער עהרע, דערצעהלען שטענדיג וועגען זיך און וועגען זייערע עלטערן געשיכטעס נישט געפלויגען נישט געשטויגען, און בכלל שעמען זיי זיך גארנישט צו זאגען א ליגען; מיט זיי מוז מען זיך האלטען זעהר פארזיכטיג און אין קארטען טאר מען מיט זיי נישט שפּילען; ביי זיי איז אלץ פאלש, אייך אזוי ווי זייער פאמיליען-נאמען. בכלל זענען זיי פעהיג צו טהון אלץ, כדי צו דערגרייכען זייער צוועק, און ווען עס איז נויטיג זענען זיי זעהר דרייסט; זיי זענען אזוי ווי יענע גולנים, וואס קאנען בעראבעווען נאר מיט לעבענס-געפאהר, און ווירקליך שטעלען זיי אלץ אויף דער קארט, בשעת עס מאכט זיך א געלע-

געָנהײַט. בכלל קאָן מען זײַ אָנרופֿען: די אַריסטאָקראַציע פֿון די שווינדלער, פֿערברעכער און אַרעסטאַנטען.

„איך האָב זײַ זעהר ליעב, ווירקליך! עס איז אַזוי אינטערעסאַנט זײַ צו פֿאָרשען, אַזוי לוסטיג זײַ צו הערען! אָפֿט זענען זײַ זעהר קלוגע און שטענדיג פֿערשידענאַרטיגע. דערצו נאָך האָבען זײַ זעהר שענע פֿרויען, אויך מיט אַ זעהר צווײַפֿעלהאַפֿטער פֿערגאַנגענהײַט, אום נישט צו זאָגען עפּעס ערגערס... אָט די אַלע פֿרויען איבעראַשען מיט זײַערע וואונדערשענע אויגען און נישט ווענינגער שענע האָר... זײַ בעצויבערען אונז מיט זײַער גראַציע, מיט זײַער אונגעוועהנליכער, כאָטש שעדליכער שענהײַט, און מיר קאָ:ען געגען זײַ נישט בײַשטעהן. זײַ בעהערשען אונז דורך פֿערשידענע חיטרע שטיקלעך און נאַטירליך נוצען זײַ אונז אויס ווי זײַ קאָנען נאָר. איך האָב זײַ אַלעמען אויך זעהר ליעב!"

— די מאַרקיזע אָבאַרדיאיז אויך פֿון דעם סאָרט. נאָך זעהר שען, אַפֿילו שוין נישט יונג, בעצויבערט זי מיט איהר אײַנפֿאַכהײַט, פֿרײַנדליכקײַט און ליעבליכקײַט, נאָר צוזאַמען דערמיט פֿיהלט מען, אַז זי איז פֿערדאָרבען ביז'ן בײַן. בײַ איהר פֿערברענגט מען די צײַט זעהר לוסטיג, מען שפּיעלט אין קאָרטען, מען טאַנצט, מען ראָמאַנסירט מיט פֿרויען... מיט אײַן וואָרט, דו וועסט דאָרט געפֿינען אַלע פֿערגניגענס פֿון אונזער הײַנטיגען וועלטליכען לעבען.

— דו שטעהסט איצט נאָהנט מיט איהר אָדער דו ביזט שוין אַרויסגעטרעטען פֿון דער רײַהע פֿון איהרע הערצענס-געליעבטע? — האָט לעאָן סאַוואַל געפֿרעגט.

— איך בין איהר געליעבטער קײַנמאָל נישט געוועזען, בין נישט און וועל קײַנמאָל נישט זײַן, — האָט סערוויני געענטפֿערט, — מיך אינטערעסירט אין דעם דאָזיגען הויז דאָס טעכטערל און נאָר צוליעב איהר געה איך דאָס אַהין.

— אַ, די מאַרקיזע האָט אַ טאָכטער?

— געוויס, געוויס! דאָס איז וואָס צויבערהאַפֿטעס, מײַן ליעבער! איצט איז זי דאָס, וואָס ציהט צו דערהויפּט אַלע בעזוכער אין דאָס דאָזיגע הויז. אַכטצעהן יאָהר איז זי אַלט... דאָס

איז אַ גאָלדיג־רויטע פֿלאָנדינע ... וואונדערבאַר געבויט, שלאַנק, הויך, גראַציעז... דערצו נאָך שטענדיג אין אַ גוטער לוינע, שטענדיג בערייט זיך לוסטיג צו מאַכען, לאַכט גאַנצענע טעג און האָט ליעב צו טאַנצען אָהן אָברוה, ביז דער קאָפּ פֿערדרעהט זיך. ווער וועט זי בעקומען, אָדער ווער האָט זי שוין בעקומען? דאָס ווייס נישט קיינער. זאַלבעצעהנט זענען מיר, וואָס מיר זוכען איהר ליעבע און מיר אַלע האָפֿען און וואַרטען.

„ביי דער מאַרקיזע אין די הענד איז אַזאַ טאָכטער פּשוט אַ אוצר, אַ גאַנץ פֿערמעגען. און דו ווייסט, זיי שפּיעלען ביידע אַ פֿיין שפּיעל... פּשוט מען קאָן גאָרנישט פֿערשטעהן! מעגליך, אַז זיי וואַרטען אויף אַ בעסערע געלעגענהייט ווי איך בין... איך אָבער וועל שוין די דאָזיגע געלעגענהייט" פֿון די הענד נישט אַרויסלאָזען... אויב עס וועט נאָר אין די הענד אַריינפֿאַלען.

„איזועטע מאַכט מיר גאָר דול און משוגע, עפּעס אַ מאָדנע איז זי. אַ לעבענדיג רעטעניש איז זי. זי איז אָדער מורא'דיג חיטרע, פֿאַלש און פֿערדאָרבען, אָדער פֿערקעהרט, נאַאיוו און אונשולדיג אין פֿולען זיך פֿון דעם וואָרט... אויב אַזוי איז דאָס פּשוט אַ מערקווירדיגער פֿענאָמען פֿון אונשולד!... דו ווייסט, זי לעבט דאָך אַזוי ווי אַ פֿיש אין וואַסער אין דער דאָזיגער סביבה, וואָס איז פֿול מיט זינד און פֿערדאָרבענהייט.

„ווירקליך, איך ווייס נישט, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ וועזען און וואָס קלערט זי, איך ווייס אפֿילו נישט, פֿון וואַנען האָט זי זיך גענומען? אפשר איז זי אויסגעוואַקסען אויף דעם דאָזיגען מיסט, אַזוי ווי אַ פּראַכטפֿול בלימעל, און איהר גאַנץ וועזען איז דורכגעזאַפּט מיט דעם דאָזיגען שמוץ, אפֿשר איז איהר פֿאָטער אויך געוועזען אַזאַ אויפֿגעקימענער ווי איהר מוטער, און עס ליעגט שוין ביי איהר אין בלוט אָט דער גאַנצער שמוץ, און אפשר איז זי אַ טאָכטער פֿון עפּעס אַ אָנשטענדיגען מענשען, פֿון אַ גרויסען אַרטיסט אָדער אַ פֿאָרנעהמען הערן, פֿון אַ הערשענדען פּרינץ, אפשר אַ קייזער, וואָס איז צופֿעליג איין מאָל אין אָוועט צו איהר מוטער אין בעט אַריין... איבריגענס, דו וועסט זי באַלד אַליין זעהן!...

סאַוואל האָט זיך צעלאַכט.

— דו ביזט פערליעבט אין איהר, — האָט ער געזאָגט.

— ניין. איך בין איינער פון די, וואָס זוכען איהר ליעבע, נאָר דאָס הייסט נישט, אַז איך בין פערליעבט. איך וועל דיך בעקענען מיט מיינע הויפּט־קאָנקורענטען ... דוכט זיך, אַז סוף כל סוף האָב איך מעהר שאַנסען ווי אַלע; איוועטע בעציהט זיך צו מיר בעזונדערס גיטיג. דאָס קאָן מען בעמערקען!

— דו ביזט פערליעבט אין איהר, — האָט סאַוואַל וויע־דערהאָלט.

— ניין ... זי ווירקט מיר אויף די נערווען. זי רעגט מיך אויף און בעצויבערט מיך, ציהט צו און שטויסט אָב. איך האָב זיך מורא פאַר איהר, ווי פאַר אַ קונציג אויסגעשטעלטע נעץ, און טרוים וועגען איהר מיט מיין גאַנצען וועזען, ווי עס איז נאָר מעגליך צו טרוימען וועגען שערבעט, בשעת מען ווערט פון דורשט געפּייניגט. מיר ווילט זיך כסדר זיין מיט איהר און גלייכ־צייטיג האָב איך נאָך אַלץ פאַר עפּעס מורא, ווייסטו, אַזוי ווי מען האָט מורא פאַר מענשען, וואָס מען זאָגט וועגען זיי, אַז זיי גנבה'נען זעהר געשיקט. עפּעס ציהט מיך אָהן אַ שיעור צו איהר אינשולד און נאַאיוויטעט, און אַ צווייטע שטימע רעדט, אַז דאָס איז אַלץ פאַלש, אַז מען מוז זעהר פאָרזיכטיג זיין. אַלענפאַלס איז דאָס אַ גאַנץ אונגעוועהנליך וועזען, אפשר וואונדערשען, אפשר עקעלהאַפט, ווירקליך, איך ווייס דאָס נישט!

— איך זאָג דיר, דו ביזט פערליעבט אין איהר, — האָט סאַוואַל געזאָגט צו'ם דריטען מאָל — דו רעדסט וועגען איהר מיט דער היץ פון אַ פּאָעט און מיט דער ליריק פון אַ טרובאַ־דור ... אַ נו, טהו נאָר גוט אַ קוק זיך אין הארצען. פרעג נאָר אוים דיין הארץ און זיי זיך מודה!

סערוויני איז איינינגע טריט אַבגעגאַנגען שווייגענדיג, דאַן האָט ער געזאָגט:

— אפשר ביזטו גערעכט... אַלענפאַלס אינטערעסירט מיך איוועטע זעהר און זעהר!.. יאָ, מעגליך, אַז איך בין אין איהר פערליעבט. איך טראַכט צופיעל וועגען איהר: איך שלאָף

אײַן מיט נעראַנקען וועגען איהר און וואך אויף מיט די זעלבע געראַנקען... דאָס בעדײַט דאָך עפּעס. איהר בילד פֿערפֿאָלגט מיך אומעטום, וואוהין איך זאָל נישט נעהן שטעהט עס פֿאַר מײַנע אויגען; איך טראָג עס מיט זיך אומעטום. צי קאָן מען אָנרופֿען ליעבע דאָס דאָזיגע אונאויפֿהערליכע פֿערפֿאָלגען? דו ווייסט, עס איז גענוג איך זאָל די אויגען פֿערמאַכען, זעה איך זי שוין קלאָר, אַזוי האָט זי זיך אײַנגעשניטען אין מײַן מוח, און איך מוז זיך דיר מודה זײַן, אַז ווען איך זעה זי קלאַפּט מיר שרעקליך דאָס האַרץ. הייסט עס, וואַהרשײַנליך, אַז איך ליעב זי ווירקליך, נאָר איך ליעב זי עפּעס מאָדנע. איך בעגעהר זי מיט מײַן גאַנצען וועזען, נאָר בשום אופן אין דער וועלט וואָלט איך נישט אײַנגעשטימט מיט איהר חתונה צו האָבען און איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס וואָלט געווען די גרעסטע נאַרישקייט פֿון מײַן זײַט, פּשוט אַ אונזין. אויסער דעם האָב איך אַ ביסעל מורא פֿאַר איהר; וואַהרשײַנליך האָבען אַזוי מורא פֿויגעל, ווען איבער זיי שוועבט דער שפּאַרבער. צו דעם אַלעם בין איך נאָך אײַפֿערזיכטיג צוליעב איהר, אײַפֿערזיכטיג צו אַלעם, וואָס מיר איז בעקאַנט אין דעם דאָזיגען מערקווירדיגען, פֿאַר מיר אונפֿערשטענדליכען האַרצען. „וואָס איז דאָס, אַ צויבערהאַפֿט נאַאיווע מיידעל אָדער אַ פּשוט'ע שווינדלערין?" — פֿרעג איך זיך שטענדיג. טײלמאָל רעדט איוועטע אַזעלכע זאַכען, אַז עס איז פּשוט שרעקליך צו הערען, נאָר פּאַפּאַגײַען ווידערהאָלען דאָך אויך אַלץ אין דער וועלט און פֿערשטעהען אַלײן נישט וואָס זיי רעדען! טײלמאָל איז זי אַזוי אונפֿאָרזיכטיג און אונפֿערשעמט, אַז נישט ווילענדיג הייב איך אָן גלויבען אין איהר מיידעלשער ריינהייט, און טײלמאָל, פֿערקעהרט איז זי אַזוי אונגלויבליך נאַאיוו, אַז נישט ווילענדיג טוהט מען אַ קלער, אַז דאָס איז אַלץ נאָר אַ שפּיעל און אַז זי איז פֿערדאָרבען ביז'ן ביין. זי רייצט און פֿלאַמט אויף מײַן לײדענשאַפֿט אַזוי ווי אַ ערפֿאַהרענע קורטיזאַנע, נאָר אַלײן היט זי זיך און האַלט זיך פּינקט ווי אַ אונשולדיג מיידעל. אַזוי ליעבט זי מיך כלומר'שט, נאָר אין אמת'ן לאַכט זי זיך אויס פֿון מיר! אין דער געזעלשאַפֿט האַלט זיך איוועטע פֿרײַ, לאָזט זיך קאָמפּראָמעטי־

רעדן דורך מיר, פּונקט ווי מיר וואָלטען געשטאַנען אין נאָהנטע בעציהונגען, און ווען מיר בלײַבען אַלײן זאַלבענאַנד, האַלט זי זיך מיט מיר אַזוי ווי מיט אַ ברודער אָדער אַ לאָקאַי.

„דו ווײסט, טײַלמאַל דוכט זיך מיר, אַז זי האָט אויך אַזוי פֿיעל געליעבטע ווי די מאַרקיזע גופא, און טײַלמאַל גלויב איך אונבעדינגט, אַז זי קען נאָך נישט דאָס לעבען, דאָס הײסט, זי ווײסט אַבסאָלוט גאָרנישט, פֿערשטעהסט!

„איבערינגענס האָט איוועטע געלײענט און לײענט נאָך איצט זעהר פֿיעל ראָמאַנען. פֿאָרלויפֿיג, ביז איך וועל זיך דערוואַרטען אויף עפּעס בעסערס, דיען איך בײַ איהר אַלס ביבליאָטעקאַר און שטעל איהר צו ביכער; אָט אַזוי רופֿט זי מיך טאַקי „ביבליאָטעקאַר".

„מען שיקט איהר אין מײַן נאָמען פֿון בוכהאַנדעל אַלע נײַע ביכער, וואָס ערשײַנען אין משך פֿון דער וואָך, און ווי מיר דוכט לײענט זי אַלץ אָהן אויסנאַהם.

„איך שטעל מיר פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ קאַשע עס ווערט בײַ איהר אין קאָפּ!

„זי מוז לעזען ווירקט נאַטירליך אויפֿ'ן כאַראַקטער און אויף די מאַנערען פֿון דאָס דאָזיגע אָריגינעלע מײדעל. דען ווען מען קוקט אויפֿ'ן לעבען דורך פֿונפֿצעהן טויזענד ראָמאַנען, זעהט אַלץ אויס נאַטירליך אַנדערש, ווי עס איז אין אמת'ן און נישט ווילענדיג קומען אויפֿ'ן קאָפּ די ווילדעסטע פֿאַנטאַזיעס.

„און אָט וואַרט איך געדולדיג. אַלענפֿעלס מוז איך מודה זײַן, אַז קײנע האָט מיך נאָך אַזוי נישט צוגעצויגען ווי די דאָזיגע איוועטע!

נאָר חתונה האָבען מיט איהר וועל איך נישט, דאָס איז זיכער.

„הײַנט וואָס אַהרט עס מיך! האָט זי שוין יאָ געהאַט געליעבטע, וועט מיט מיר זײַן אײַנער מעהר. האָט זי נאָך נישט געהאַט, אַזוי וועל איך זײַן דער ערשטער, וועל איך נעהמען דעם ערשטען פּלאַץ, אַזוי ווי אין אָמניבוס.

„דאָס איז גאַנץ פּשוט. איוועטע וועט נאַטירליך קײנמאָל

ניִשט חתונה האָבען. ווער קאָן דאָס חתונה האָבען מיִט אַ טאָכטער פוּן דער מאַרקיִזע אָבאַרדי. ד. ה. מיִט אַ טאָכטער פוּן אָקטאַוויע באַרדען? געוויִס קיינער ניִשט, און צוליִעב פיִעל סיִבות.

„וואוּ וועלען זיי אַ חתן געפיִנען? איִן דער אַריִסטאָקראַטיִשער וועלט? אויף קיין פאַל ניִשט. דען איִהר מוּטערס הויז קאָן מען דאָך אָנרוּפען פשוּט פּראָסטיִטוּציאָנס-הויז, און דאָס טעכטער'ל ציִהט אַהיִן צוּ אַלעמען אַ דאַנק איִהר שעֶנהייט. בּיי אַזעלכע אוּמשטענדען האָט מען ניִשט חתונה!

„זי זאָל געפיִנען אַ חתן פוּן בּוּרזשוּאַזיע, דאָס איִז נאָך שווערער, נאָך אוּנמעגליִכער. דערצוּ נאָך וועט די מאַרקיִזע קיינמאָל ניִשט איינשטיִמען אויף אַ געמיינע פּאַרטיי; זי וועט זיִך בּעשליִעסען צוּ שיידען זיִך מיִט איִהר רייכטוּם, ד. ה. אַרויסלאָזען פוּן איִהרע הענד איִוועטע'ן, — נאָר פאַר אַ מענשען פוּן הויכען שטאַנד, און אַזעלכען וועט זי נאַטיִרליִך ניִשט געפיִנען.

„בּלייבּט איִהר הייסט עס חתונה צוּ האָבען מיִט איינעם פוּן פּראָסטען המון? נאָר דאָס האָט נאַטיִרליִך קיין זיִנען ניִשט. הייסט עס, זי האָט קיין אויסוועג ניִשט. דאָס דאָזיִגע פריילין געהערט ניִשט צוּ דער אַריִסטאָקראַטיע, ניִשט צוּ דער בּוּרזשוּאַזיע, ניִשט צוּ דער פּראָסטער מאַסע, הייסט עס, זי קאָן זיִך ניִשט פעראייניִגען מיִט קיינעם פוּן די דאָזיִגע שטאַנדען און מוּז איִן אַ זייט בּלייבּען.

„גיִכער דאַרף איִוועטע געהערען צוּ'ם קלאַס פוּן אוּנזער גאָלדענער פּראָסטיִטוּציע, — דערצוּ פיִהרט זי איִהר מוּטער, איִהר געבּוּרט, איִהר ערציִהוּנג, דאָס געזעץ פוּן ירוּשה, איִהרע מאַנערען און געוואוינהייטען.

„דאָס איִז פערפאַלען! זי וועט איִהר שיִקזאַל ניִשט אויסמיידען, סיידען זי זאָל זיִך איִן אַ קלויסטער איינשליִעסען!... נאָר אויבּ מען זאָל בּעטראַכטען איִהר געשמאַק און איִהרע געוואוינהייטען קאָן מען זיִכער זאָגען, אַז זי וועט ניִשט געהן איִן קיין קלויסטער, זי קאָן קיין אַנדער פּראָפעסיע ניִשט האָבען אויסער ליִעבּע. און נאַטיִרליִך וועט זי דאָס מיִט דער צייט אַליין פערשטעהן, און אפשר האָט

זי דאָס שוין פֿערשטאַנען. יאָ, קײנער קאָן זײן שיקזאַל ניט אויסמײַדען! פֿון אַ יונג מײדעל װעט אימועטע פֿערװאַנדעלט װערען פּשוט אין אַ מײדעל, — און װײַטער גאָרנישט! און איך װאָלט זעהר געװאָלט צוהעלפֿען אויסצופֿיהרען די דאָזיגע פֿערװאַנדלונג.

„פֿאָרלויפֿיג מוז מען װאַרטען. פֿיעל זענען פֿערהאַן אַזעלכע װעלער װי איך. צװישען זײ געפֿינט זיך דער פֿראַנצויז דע־בעל־װין, אײנער אַ רוס, װאָס רופֿט זיך פֿירשט קראַװאַלאָװ, און אײנער אַ איטאַליענער — קאַװלער װאַלרעאַלי. די דאָזיגע הערען זענען עפֿענטליך אַנערקענט פֿאַר קאַנדידאַטען און בעמיהען זיך מיט אַלע קרעפֿטען צו דערגרײכען זײער ציעל. אויסער דעם דרעהען זיך אַרום איװעטע אַ מענגע מאַראָדערען נאָר שוין פֿון קלענערער בעדײטונג.

„די מאַרקיזע גיעט אַכטונג אויף אַלעמען. נאָר מיר דוכט, אַז זי האַלט מיך אין זינען. דער צושטאַנד פֿון די איבעריגע קאַנדידאַטען איז איהר ניט גענוג בעקאַנט. און אין מײן רײכ־קײט צװײפֿעלט זי ניט.

אַזאַ געזעלשאַפֿט װעסטו אין ערגעץ ניט בעגעגענען! דאָס איז װאָס װאונדערבאַרעס! צו דער מאַרקיזע קומען אויך זעהר אַנשטענדיגע מענשען, װי איך און דו. און פֿון די פֿרויען האָט זי פֿערזאַמעלט אַלע אַװאַנטוריסטינס פֿון בעסטען סאָרט. פֿון װאַנען זי האָט זײ געפּאַקט, װײס איך װירקליך ניט!... דאָס איז גאָר אַ בעזונדער װעלט, װאָס האָט קײן עהנליכקײט ניט צו זיך, װאָס שטעהט גאַנץ אָבגעזונדערט פֿון אַלעם איבעריגען. דערצו נאָך איז דער מאַרקיזע אײנגעפֿאַלען פּשוט אַ געניאַלער געדאַנק, זיך אויסצוקלײבען בעקאַנטע דאַמען גראָד אַזעלכע, װאָס האָבען קינדער און דערהויפּט טעכטער. און דעריבער קאָ־נען זיך געפֿינען אַזעלכע נאַאיװע שוטים, װאָס װעלען זיך אײנרע־דען, אַז זײ געפֿינען זיך אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון עהרליכע און אַנשטענדיגע פֿרויען".

זײ זענען צוגעקומען ביז צו די עליזע־פֿעלדער. אַ לײכט װינדטעל האָט קוים־קוים בעװעגט די בלעטער פֿון די בוימער, צײטענװײז האָט עס אַ הויך געטהון אויפֿ'ן געזיכט װי אַ צאַרטער

בלאָז פֿון אַ ריעזיגען פֿעכער, וואָס העננט ערגעץ הויך אין הי־מעל. אונטער די בוימער האָבען אַרומגעוואַנדערט פֿינסטערע שאָטען פֿון די שפּאַציערענדע, די, וואָס זענען אויף די בענק גע־געזעסען, האָבען אויסגעזעהן ווי דונקעלע פֿלעקען. אַלע האָבען געשמועסט שטילערהייד, אַזוי ווי זיי וואָלטען איינער דעם צווייטען ענטדעקט עפּעס וויכטיגע אָדער שענדליכע געהיימניסען.

— דו קאָנסט זיך גאָר נישט פֿאָרשטעלען, וואָס פֿאַר אַ קאָלעקציע פֿון פֿאַלשע טיטלען דו וועסט הערען אין דעם דאָזיגען הייזעל, — האָט סערוויני ווייטער גערעדט נאָך אַ קליינער פּויזע. — יאָ, אַגב מוז איך דיר ערקלערען, אַז איך וועל דיך פֿאָרשטעלען אונטער דעם נאָמען גראַף סאַוואַל. דו טאָרסט נישט הייסען פּשוט סאַוואַל, ווייל דאַן וואָלט מען אויף דיר קרום גע־קוקט!

— נו דאָס שוין נישט, לאָז בעסער צורוה! — האָט לעאָן אויסגעשריען. — איך וויל נישט, אַז עמיץ זאָל קאָנען מיינען, אַז איך בין אַזוי נאַריש, דאָס איך גיעב זיך אַ טיטעל, וואָס איך האָב אויף איהם קיין רעכט נישט. אפילו אויף איין אָוועגד וויל איך דאָס נישט, און אַפילו צווישען אַזעלכע מענשען... און דאָס טאָר נישט זיין, בשום אופן אין דער וועלט נישט!

— עה, ווי נאַריש דו ביזט! — האָט זיך סערוויני צעלאַכט. — מיך האָט מען דאָרט אַ נאָמען געגעבען הערצאָג דע סערוויני. ווער האָט דאָס אויסגעטראַכט, ווייס איך שוין ווירקליך נישט! אַלענפֿאַלס בין איך שוין אַזוי פֿערבליבען הערצאָג דע סערוויני, און איך אַליין בעקלאָג מיך נישט און פּראָטעסטיר נישט. עס אַהרט מיך נישט אַ האָר!... און אָהן אַ טיטעל וואָלט מען זיך צו מיר בעצויגען אפשר זאָגאַר מיט פֿעראַכטונג.

נאָר סאַוואַל איז געבליבען ביי זיינס און נישט געוואָלט קיין אַכט לעגען אויף די אַלע ראיות.

— דו ביזט אַזוי אויך פֿון אַ פֿאָרנעהמער פֿאַמיליע, דו ביזט אַנ׳אמת׳ער אַריסטאָקראַט, און דעריבער מעגסטו זיך רופען הערצאָג! — האָט ער געזאָגט — איך אָבער וויל מיין שטאַנד נישט בייטען און וועל זיין דער איינציגער פּשוט׳ער בשר ודם אין

דער מארקיזע׳ס סאלאן. מען עס זיין ערגער אדער בעסער פאר מיר!... דערמיט וועל איך ווערען אונטערגעשיידט פון דער אי־בעריגער מאסע, און אפשר וועט גראד דאס מיר געבען בעזונ־דערע פריוויליגיעס.

נאר סערוויני האט זיך איינגעשפארט.

— איך פערזיכער דיר, אז דאס איז אונמעגליך. פשוט אונמעגליך, דו פערשטעהסט? דאס וועט דארט אויסזעהן אונגע־הויער געמיין און דו וועסט שפיעלען די ראלע פון א שמאטע־קלויבער אין א געזעלשאפט פון קיסרים. שפאר זיך נישט און פערלאז זיך אויף מיר; איך וועל דיך פארשטעלען אלס דעם וויצע־קעניג פון אבער־מיסיסיפי; גלויב מיר, אז קיינער וועט זיך נישט וואונדערן דערויף. דען ווען מען ווערט קראנק אויף גרויס־קייט, אזוי ווייסט מען שוין קיין גרענעץ נישט!

— ניין, איך בעט דיך נאך אמאל, לאז מיך אזוי ווי איך בין.

— ווי דו ווילסט. דעם אמת רעדענדיג איז פון מיין זייט א גרויסע נארישקייט, וואס איך רעד דיך אזוי לאנג איין! דיר וועט סיי ווי נישט געלינגען לעז צו ווערען פון א טיטעל און ארייננקו־מען אין דער מארקיזע׳ס סאלאן ווי א פשוט׳ער בשר ודם; מען וועט דיר שוין אליין צובינדען עפעס א טיטעל, אז ווי אין איני־גע מאגאזינען בינדט מען צו יעדער דאמע א קליינעם פיילכען־בוקעט.

זיי האבען זיך געלאזט. אויף רעכטס אין דער גאס בערי און זענען ארויף אויפ׳ן ערשטען עטאזש פון א פראכטפולעס הויז, וואס איז געווען געבויט לויט דעם נייעסטען סטיל. אויף די טרעפ זענען געשטאנען לאקייען אין פראקען און זיידענע זאקען, די צוויי גוטע פריינד האבען זיי אבגעגעבען זייערע מאנטלען און שטעקענס. אויף זיי האט א בלאז געטהון א ריח פון הייסער באל־לופט, א שארפער ריח פון בלומען, פערפומען און פרויען; עס האט זיך דערהערט א נישט קלארער שטימען־גערויש און עס האט זיך געפיהלט, אז א׳ע צימערען זענען פול אנגעפאקט מיט מענשען.

צו סאוואל'ן איז צוגעגאנגען א הויכער, פייערליך־חשיבות־דיגער שווייצער, ציי א לאקאי, אדער א מין צערעמאניען־מייסטער מיט א לאנגע גרויע באקענבארד, זיך קורץ און שטאלץ פערנייגט און געפרעגט:

— ווי בעפוילט איהר צו מעלדען וועגען אייך?

— העדר סאוואל, — האט סערוויני געענטפערט פאר זיין פריינד.

דאן האט דער דאזיגער צערעמאניען־מייסטער בריט אויפ־געעפענט די ביידע האלבע טהירלעך פון סאלאן און אויסגעשריי־ען מיט א שטארק שאלענדער שטימע אין די מאסע מענשע־ארייין.

— דער הערצאג דע־סערוויני! — דער באראן סאוואל!

דער ערשטער זאל איז געוועזן פול מיט פרויען אין באל־טואלעטען. אין דער ערשטער מינוט האבען זיך אין אויג א ווארף געטהון נאר נאקעטע אקסלען און ברוסטען און העלע זיי־דענע מאטעריען.

די הויז־ווירטין איז געשטאנען אין מיטען צימער און גע־שמועסט מיט איהרע דריי פריינדינען; זי האט זיך אומגעדרעהט צו דער טהיר, ווען זי האט דערהערט די נעמען פון די נאר וואס אנגעקומענע געסט, און מיט א שמייכעל אויף די ליפען איז זי זיי געגאנגען אקעגען מיט איהר מאיעסטעטישען און גלייכצייטיג גראציעזען גאנג.

אויף איהר קליינעם שטערן זענען געוועזן נידריג אראב־געלאזט געדיכטע גלאנציגע שווארצע האר און דער גאנצער קאפ איז געוועזן אונטערדריקט פון דער משא פון די דאזיגע האר.

די מארקיזע איז געוועזן הויכוויקסיג, און אפשר שוין צו פיעל מאסיוו, צו דיק, נאר נאך זעהר שען, מיט א מעכטיגער פראכטפולער, ליידענשאפטליכער שענהייט, פון אונטער דעם העלם פון איהרע ערשטויגענד־געדיכטע און וועלענארטיגע האר האבען געגלאנצט גרויסע שווארצע אויגען, אויך אזוי וואונדער־באר שענע. דער מארקיזע'ס אויגען און האר האבען נישט ווילענדיג צוגעצויגען צו זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט און

געצוואונגען צו וועלען און פערלאנגען די דאזיגע פרוי, איהר נאז איז געוועזן עטוואס צו דין; דאס מויל איז אפילו געוועזן גרויס, נאר צויבערהאפט, עס איז געוועזן פונקט ווי בעשאפען צו בעצויבערן מיט זיין רעדען און אונטערטעניג מאכען מענשענ־הערצער,

נאר דער גרעסטער צויבער פון דער מארקיזע איז געוועזן אין איהר שטימע: יעדערער האט ווירקליך געפיהלט א גוואלדיגען פיזישען פערגניגען, ווען ער האט געהערט די דאזיגע קלאנגפולע, ווייכע, צערטעלענדע שטימע. די קלאנגען זענען ארויסגעפלויגען פון מויל אזוי אייגפאך און נאטירליך, ווי דאס מורמלען פון א טייכעל; עס איז געוועזן וואונדערבאר אנגענעהם צו הערען שוין די דאזיגע קלאנגען אליין און קוקען, ווי שען עס עפענען זיך דערביי אויף איהרע וואונדערליכע, עטוואס שוין צו שענע ליפען.

סערוויני האט א קוש געטהון דער מארקיזע'ן די האנד, זי האט אבגעלאזט פון האנד דעם פעכער, וואס איז געהאנגען אויף א דינע גאלדענע קייטעל, אויסגעשטרעקט די צווייטע האנד סאוואל'ן און געזאגט:

— מיר איז זעהר אנגענעהם אייך צו זעהן, באראן, ביטע זעהר; אלע פריינד פון דעם ליעבען הערצאג קאנען זיך דא האלטען ווי ביי זיך אין דער היים!

און זי האט שארף א בליק געטהון מיט איהר גלענצענדען בליק אויף סאוואל'ס העלדישע פיגור. אויף דער מארקיזע'ס אויבערשטער ליפ זענען געוואקסען איניגע קליינינקע דונקעלע הערלעך, וואס האבען אויסגעזעהן ווי א שווארצער פלעק, און ווען זי האט גערעדט איז דער פלעק געווארען גאך דונקעלער. פון איהר האט זעהר אנגענעהם געשמעקט שארפע, פערשכור'ענדע פערפומען עפעס פון זיסע אמעריקאנישע אדער אינדישע בלומען.

אין זאל זענען אנגעקומען כסדר נייע און נייע געסט, — מארקיזען, גראפען, פירשטען...

— מיין טאכטער וועט איהר געפינען דא אין דערביי־איגען זאל, — האט די מארקיזע געזאגט צו זשאן סערוויני מיט דער

גראַציעזער ליעבליכקייט פון אַ מוטער. — איך ווינש אייך ביידען פרעהליך די צייט צו פערברענגען! פערגעסט נישט, אז דאָס גאַנצע הויז איז אַלץ איינס ווי אייערס!

זי האָט צו זיי פריינדליך אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און איז געגאַנגען אַקעגען די נייע געסט, גאָר ביי'ם אוועקגעהן האָט זי בעוויזען אַבצובריהען סאַוואַל'ן מיט איהר בליצענדען בליק אַט אזוי, ווי דאָס קאָנען טהון פרויען, ווען עמיץ געפעלט זיי און זיי ווילען דאָס אַרויסווייזען.

— איצט וועל איך דיר ערקלערען, וואָס דאָ קומט פאָר, — האָט סערוויני געזאָגט, ווערענד ער האָט גענומען סאַוואַל'ן אונטער'ן האַנד. — דו זעהסט, אָט אין דעם זאַל האָסטו נאָר פרויען, דאָ איז דאָס קעניגרייך פון קערפער... דו וועסט דאָ געפינען פאַר יעדען געשמאַק, אי פרישע אי אָבגעטראָגענע... דאָ קאָן מען ביי אַ געלעגענהייט קויפען עפּעס נייעס פאַר גאַנץ בילינג, אָדער זאָגאַר דינגען אויף אַ געוויסע צייט עפּעס גאַנץ טייערעס... אויף לינקס שפּיעלט מען. דאָס איז דאָס קעניגרייך פון געלד: דו ווייסט, וואָס דאָס איז אַזוינס... דאָרט ווייטער, טאַנצט מען. דאָס איז דאָס קעניגרייך פון אונשולד, דער קדשי קדשים, דער מסחר מיט יונגע מיידלעך. דאָרט שטעלען די דאָזיגע דאַמען אַרויס זייערע ווערק; דאָרט איז זייער טייערסטע סחורה און זיי זענען איינשטימיג אויף אַלץ, אפילו אויף אַ געזעצליכע הייראַט אויך, יאָ, דאָרט איז די גאַנצע צוקונפט און אַלע האָפנונגען... פון אונזערע נעכט! און דו ווייסט, דאָס איז די אינטערעסאַנטסטע אָבטיילונג פון דעם דאָזיגען מוזעאום פון מאָראַלישע קראַנקהייטען און פערדאָרבענהייט. קום אַריין אַ קוק טהון אויף די דאָזיגע מיידלעך, וואָס זענען געבאָרען געוואָרען זינדיג, מיט פערדאָרבענע נשמות!

סערוויני האָט זיך כסדר פערנייגט אויף רעכטס און אויף לינקס. אַלעמען געזאָגט קאָמפּלימענטען, צו אַלעמען געשמייכעלט און אַרומגענומען מיט אַ בליק פון אַ קענער און אַ אַמאַטער יעדע דעקאָלטירטע פרוי, וואָס איז פאַר זיי פערביי־געגאַנגען.

אין אַ דערבייאיגען זאַל האָט אַ אָרקעסטער געשפּיעלט אַ

זאלין; די צוויי גוטע פריינד זענען געבליבען שטעהן אין דער טהיר. עס האבען געטאנצט א פונפצעהן פארלעך; די קאוואלע־רען האבען זיך געדרעהט זעהר פייערליך, מיט זעהר ערנסטע געזיכטער, און זייערע דאמען, גאנץ יונגע פריילינס, האבען פרעהליך געשמייכעלט. זיי זענען אלע געווען שטארק דעקאלטירט אויך אזוי ווי זייערע מוטערס. ביי פיעל האט זיך דער שניט גע־האלטען נאר אויף זעהר שמאלע בענדלעך און אונטער די ארעמס האט זיך צייטענווייז געזעהן עפעס דונקעלעס.

פלוצלונג האט זיך פון צווייטען עק זאל צו די צוויי פריינד א לאז געטהון א הויך, שלאנק מיידעל; מיט קליינע טריט איז זי געלאפען צווישען די טאנצענדע, אזוי ווי עס לויפען שטענדיג פרויען אין א מאסע, אין דער לינקער האנד האט זי געהאלטען די אונגעהויער לאנגע שלעפע פון איהר קלייד און נאך פון וויטען האט זי אויסגעשריען:

— א, אט איז מוסקאד. גוט מאיען, מוסקאד!

פון איהר האט פשוט געשטראהלט לעבענס־פריידע און גליק; זי האט אינגאנצען געשיינט פון דעם דאזיגען גליק און פון איהר וואונדערשענעם ווייסען קערפער האבען זיך אזוי ווי געצויגען שטראהלען. די פייערדיג־גאלדיגע האר האבען אזוי ווי א שווערע משא געדריקט אויף איהר קאפ און דאס צארטע, נאך צו דינע האלז פונ'ם מעדעל, האט זיך געדוכט, איז ניט אימ־שטאנד צו טראגען אויף זיך די דאזיגע משא.

איוועטע איז געווען בעשאפען צו בעוועגען זיך, ווי איהר מוטער איז געווען בעשאפען צו רעדען; אלע זשעסטען, פאזען, וועני־דונגען פון דעם יונגען מיידעלס פיגור האבען ערשטוינט מיט זייער שענהייט, איינפאכהייט און ערהאבענהייט. עס איז געווען וואונדערבאר אנגענעהם און עפעס פריידיג צו קוקען, ווי זי געהט, בעוועגט זיך, בויגט איין דעם קאפ און הויבט אויף די האנד.

— א, מוסקאד, מאיען, מוסקאד, — האט זי וויעדער־האלט.

סערוויני האט שטארק א דריק געטהון איהר האנד, אזוי ווי

אַ חבר, און איִהר פֿאַרגעשטעלט לעאָנען.

— מאַמזעל איִוועטע, אַט איז מיין פֿריינד, באַראָן סאַוואַל.

דאָס יונגע מיידעל האָט זיך פֿערנייגט און שנעל בעקוקענדיג דעם נייעם בעקאַנטען האָט זי געזאָגט:

— גוט מאָרגען. ווי, איִהר זענט שטענדיג אַזאַ גרויסער?

— ניין, מאַמזעל, — האָט סערוויני געענטפֿערט שפּאָטיש (ער האָט מיט איִוועטע'ן שטענדיג גערעדט מיט אַ חבר'שען שפּאָטישען טאָן, כדי צו בעהאַלטען פֿאַר איִהר זיין אויפֿרעגונג, אונענטשלאָסענהייט און די שטענדיגע ענדערונגען אין זיינע געפֿיהלען), — סאַוואַל האָט זיך היינט אומישנע בעמיִהט צו זיין ווי מעגליך גרעסער, כדי צו געפֿעלען ווערען אייער מוטער, ווייל זי האָט דאָך אַזוי ליעב העלדען!

— אַ, שען! — האָט דאָס יונגע מיידעל בעמערקט מיט קאָמישען ערנסט. — ווען איִהר וועט צו מיר קומען, וועל איך אייך בעטען, איִהר זאָלט ווערען אַ ביסעל קלענער; איך האָב בעסער ליעב מענשען פֿון מיטלען וואוקס. אָט מוסקאַר איז פּונקט לויט מיין גוסט.

און זי האָט פֿריינדליך אויסגעשטרעקט סאַוואַלין איִהר קליינע, ברייט געעפֿענטע הענדטעל.

— איִהר טאַנצט היינט, מוסקאַר? — האָט זי געפֿרעגט, — ווייזט לאָ'מיר מאַכען אַ טור!

אָנשטאָט אַ ענטפֿער האָט סערוויני שנעל און ליידענשאַפֿטליך זי ארומגעכאַפּט אַרום טאַליע און באַלד זענען זיי פֿערשוואונדען געוואָרען אין דעם קאַראַהאָר פֿון די טאַנצענדע.

זיי האָבען געטאַנצט שנעלער ווי די איבעריגע, זיך געדרעהט, געפֿרעהט אָהן אַ סוף, אוןביידע זענען צונויפֿגענאָסען געוואָרען אין איין אונצעשיידבאַרע פֿיגור, זייערע פֿיס האָבען זיך אַזוי ווי גאָר נישט בעוועגט און זיי האָבען זיך געדרעהט. ווי אַ מאַשין אין פֿאַבריק, אָהן אויפֿהער און נישט מיער ווערענדיג.

ביסלעכווייז האָבען זיך די איבעריגע פּאָרלעך צעשיידט, אויפֿגעהערט טאַנצען און באַלד האָט שוין איינגאַנצען קיינער נישט געטאַנצט אויסער איִוועט'ען און סערוויני. זיי האָבען אַזוי

ווי פערגעסען אלץ וואס ארום, פערגעסען וואו זיי זענען, וואס זיי טהוען, און אין התפעלות אוועקגעפלויגען וויט וויט פון דעם דאזיגען באל־זאל. און די מוזיקאנטען האבען אלץ געשפּיעלט מיט דער פריהעריגער לעבהאפטיגקייט און קיין אויג נישט אראב־גענומען פון דאס דאזיגע צעהיצטע פּארעל; און אויך ווער עס איז נאר אין זאל געווען האט אכטונג געגעבען אויף זיי און ווען זיי זענען סוף כל סוף געבליבען שטעהן, האט זיך דערהערט א דונער פון אפּלאדיסמענטען.

איוועטע איז איצט עטוואס רויט געווארען און אין איהרע אויגען האט געלויכטען עפּעס מערקווירדיגעס, זיי זענען אזוי ווי דונקעלער געווארען פון ליידענשאפט און ש׳ין נישט געקוקט אזוי דרייסט און ארויספאדערענדיג ווי שטענדיג. אפילו זייער קאליר איז אנדערש געווארען, בלויער, און די שווארצאפּלען זענען דונ־קעלער געווארען.

סערוויני איז גאר פערשכור׳ט געווארען - ער האט זיך אנ־געשפּארט אן טהיר, כדי צו זיך צו קומען.

— עח, ארימער מוסקאד, וואס פאר א געזיכט איהר האט! — האט איוועטע אויסגעשריען. — זעהט איהר שוין, איך בין שטארקער פאר אייך.

ער האט זיך נערוועז צעלאכט און זי געפרעסען מיט זיין דורשטיגען בליק; אין דער מינוט איז אין זיין בליק און אין אויסדרוק פון זיין מויל געווען עפּעס אזוינס, וואס האט דער־מאהנט א חיה.

זי איז רייצענד געשטאנען פאר איהם מיט א שטורמיש זיך־הויבענדער אבגעדעקטער ברוסט, און עס האט אויסגע־זעהן, ווי זי וואלט די ברוסט אזוי אומישנע ארויסגעשטעלט.

— איהר ווייסט, טייל־אל זענט איהר עהנליך צו א קאץ, בשעת זי וויל אויף א מענשען ארויפשפּרינגען! גיעט מיר א האנד און לא׳מיר געהן אויפזוכען אייער פריינד.

סערוויני האט איהר שווייגענדיג דערלאנגט די הענד און זיי זענען דורכגעגאנגען דעם זאל.

סאוואל איז נישט אליין געווען, צו איהם איז צוגעגאנגען

די מארקיזע אבארדי. זי האט גערעדט מיט איהם וועגען די באנאלסטע ווילטליבע זאכען מיט איהר צויבערהאפטער, פערשיכורענדער שטימע, און וועהרענד זי האט איהם שארף אין די אויגען געקוקט, האט זי די ווערטער, וואס זענען פון איהר מויל ארויסגעפלויגען, אזוי ווי גאר אנ'אנדער זין צוגעגעבען. דערוועהנדיג סערוויני איז דער אויסדרוק פון איהר געזיכט גלייך פערענדערט געווארען און זי האט געזאגט צו איהם מיט א שמייכעל:

— איהר ווייסט, ליעבער פריינד, איך האב געדונגען א ווילע אין בוזשיוואל און איך רעכען דארט צו פערברענגען א מאנאט צווי. איך האף, אז איהר וועט אונז קומען בעזוכען און איהר וועט אויך אייער פריינד מיטברענגען? מאנטאג פאהרען מיר אריבער אהין... צי ווילט איהר נישט קומען צו אונז שבת אויף מיטאג און בלייבען ביז זונטאג ביינאכט?

סערוויני האט זיך שארף אומגעדרעהט צו איוועטע'ן, זי האט געשמייכעלט אזוי ווי שטענדיג נאאיוו און לעבענספרייליג און געזאגט מיט א זיכערהייט, וואס לייד נישט קיין אבענטפערן:

— געוויס וועט מוסקאד קומען צו פאהרען צו אונז שבת אויף מיטאג! ס'איז זאגאר אומזיסט, וואס דו פרעגסט איהם וועגען דעם! מיר וועלען זעהר פרעהליך פערברענגען די צייט אין דארף און וועלען אפטהון א מענגע נארישקייטען.

סערוויני'ן האט זיך געדוכט, אז זי האט א שמייכעל געטהון מיט פיעל בעדייטונג און האט בעזונדערם אונטערגעשטריכען די לעצטע ווערטער; ער האט דאס אנגענומען פאר א צוזאג.

און די מארקיזע האט אויפגעהויבען איהרע גרויסע שווארצע אויגען אויף סאוואל'ן און איהם געפרעגט:

— איהר וועט אויך קומען, באראן?

אין דער בעדייטונג פון איהר שמייכעל האט קיין צווייפעל נישט געקאנט זיין; סאוואל האט זיך פערנייגט און שטיל געזאגט:

— איך וועל דאס האלטען פאר א בעזונדער גליק, מארקיזע.

— מיר וועלען דארט אלעמען סקאנדאליזירען און וועלען גוט אריינברענגען אין כעס מיינע אונטערטאנען, נישט אמת, מוסקאד? — האט איוועטע שטילערהייד געזאגט מיט א אויפריב-

טיגער, און אפשר געמאַכטער נאַאיוויטעט און בשעת מעשה האָט זי אַ וואינק געטהון אויף אַ קליינע גרופּע מאַנסליים, וואָס האָבּען פֿון וויטען געקוקט אויף איהר.

— איך בּין אינגאַנצען בּערייט אייך צו דינען, מאַמזעל, — האָט סערוויני געענטפערט.

ער האָט זי קיינמאָל נישט אָנגערופען מ א ד מ ו א ז ע ל, נאָר שטענדיג פֿערקירצט און מיט דער פאַמילאַריטעט פֿון אַ חבר געזאָגט מ א מ ז ע ל.

— פֿאַרוואָס רופט איהר מיין פֿריינד סערוויני „מוסקאַר"? — האָט סאַוואַל געפֿרעגט.

— ווייל ער ווערט שטענדיג ווי פֿון אונטער די הענד פֿערשוואונדען, — האָט דאָס יונגע מיידעל איינפאַך געענטפֿערט — עס דוכט זיך אַלץ, אַז מען האַלט איהם פֿעסט, קוקסט זיך אום, איז ער שוין ווידער נישטאָ, פּשוט אַ צרה מיט איהם!

— די קינדער זענען אַזוי לעכערליך! — האָט די מאַרקיזע פֿויל בּעמערקט; זי האָט פֿון סאַוואַל'ן קיין אויג נישט אַראָבּגענומען און האָט קענטיג געקלערט וועגען עפּעס אַנדערש

איוועטע האָט זיך צעבּייזערט.

— איך בּין גאָר נישט לעכערליך! — האָט זי אויסגעשריען, — איך בּין פּשוט זעהר אויפריכטיג. מוסקאַר געפֿעלט מיר, און עס פֿערדריסט מיך, וואָס ער ווערט שטענדיג פֿערפֿאַלען!

סערוויני האָט זיך טיעף פֿערנייגט.

— פֿון דער מינוט אָן וועל איך אייך שוין נישט פֿערלאָזען אויף קיין איין מינוט נישט בּייטאָג נישט בּיינאַכט.

איוועטע איז אין שרעק אָבּגעטרעטען צוריק.

— נו ניין, דאָס וועט שוין זיין צו פֿיעל, דאָס וועט שוין זיין איבּעריג! בּייטאָג איז מיר זעהר אַנגענעהם אייך צו זעהן, נאָר בּיינאַכט וואָלט איהר מיר געמאַכט אונבּעקוועם.

— פֿאַרוואָס? — האָט ער חוצפה'דיג געפֿרעגט.

זי איז נישט פֿערלעגען געוואָרען און האָט רוהיג געענטפֿערט:

— איך רעכען, אַז ווען איהר זענט נאַקעט זענט איהר פֿיעל מיאוס'ער ווי אין אָנגעטהון.

— אָ גאָט, וואָס פאַר אַ זאַכען זיי רעדען! — האָט די מאַרקיזע אויסגעשריען, וועהרענד זי האָט קענטיג נאָך אַלץ געקלערט וועגען עפּעס אַנדערש. — עס איז ווירקליך נישט מעגליך צו זיין אויף אַזוי פיעל נאַאיוו!

— איך בין גאַנץ איינשטימיג מיט אייך, מאַרקיזע, — האָט סערווינו שפּאָטיש בעמערקט.

איוועטע האָט שאַרף און שטרענג אַ קוק געטהון אויף איהם.

— אָט האָט איהר מיר שוין ווידער געזאָגט עפּעס פרעכעס, — האָט זי אויסגעשפּראָכען מיט אַ שטאָלצען, בעלעדיגטען טאָן, — שוין צו אָפט טרעפט זיך דאָס אין דער לעצטער צייט מיט אייך!

און זי האָט זיך אומגעדרעהט און אַ רוף געטהון:

— וואַלרעאַלי, קומט אַהער, בעשיצט מיך. מען בעלעדיגט מיך דאָ!

פון דער גרופּע מאַנסלייט איז אַרויסגעטרעטען אַ ברוינער און מאָגערער העֶרר און פאַמעליך צוגעגאַנגען צו'ם יונגען מעדעל.

— און ווער איז דאָס דער שולדיגער? — האָט ער געפרעגט מיט אַ געמאַכטען שמייכעל.

— אָט איז ער, — האָט איוועטע אָנגעוויזען אויף סערווינו. — נאָר פון דעסטוועגען ליעב איך איהם מעהר ווי יעדען איינציגען פון אייך, ווייל ער איז נישט אַזוי לאַנגווייליג ווי איהר!

דער קאַוואַלער וואַלרעאַלי האָט זיך פערניינט.

— יעדער טהוט וואָס ער קאָן, — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבען אפשר וועניגער מעלות, נאָר אַלענפאַלס זענען מיר נישט וועניגער איבערגעבען...

צו די שפּרעכענדע איז צוגעקומען אַ הויכער קרעפטיגער העֶרר מיט אַ גרויליכער באַקענבאָרד.

— איך האָב די עהרע צו בעגריסען פריילין איוועטע, — האָט ער הויך געזאָגט.

— אַ... העֶרר דע-בעלווין! — האָט דאָס יונגע מערל

אויסגעשריען, און זי האט זיך אומגעדרעהט צו סאוואל'ן און זיי בעקאנט:

— דאס איז מיין היפט-פרעטענדענט: גרויס, דיק, רייך און נאריש. גראד אזעלבע האב איך טאקי ליעב. ער זעהט אויס פונקט ווי דער גרויסער פויק... אח, גאט, איהר זעגט דאך נאך העכער פון איהם! ווי זשע זאל איך אייך א נאמען געבען? נו, גוט, איך וועל אייך רופען ראראס דער זוהן, ווייל דער בעריהמטער ריעז איז דאך געווים געוועזען אייער פאטער? דאך איז אייך געווים זעהר אנגענעהם צו שמועסען מיט בעלוויני'ען אט אזוי, איבער די קעפ פון דער גאנצער מאסע... רעדט, רעדט, מיינע הערצען, איך וועל אייך נישט שטערן, אויף וויעדערזעהן!

און זי איז צוגעלאפען צו'ם ארקעסטער בעטען די מוזיקאנטען, זיי זאלען שפיעלען א קאדריל.

— אומזיסט רייצט איהר זי אזוי, — האט די מארקיזע צעשטרייט געזאגט צו סערוויני, נאר כדי עפעס צו זאגען; — איהר פערדארבט איהר דעם חאראקטער און ענטוויקעלט אין איהר א מאסע פעהלערען!

— צי דען האט איהר נאך נישט פערענדיגט איהר ערציהונג? — האט ער אבגעענטפערט.

זי האט געמאכט א מינע ווי זי פערשטעהט נישט און נישט אויפגעהערט צו שמייכלען פריינדליך ווי פריהער, דערנאך האט זי פלוצלונג בעמערקט א הויכע, מיט ארדענס אויסגעפוצטע פיגור פון עפעס א הערר און זי איז שנעל צוגעגאנגען צו איהם.

— אח, פירשט, וואס פאר א גליק!... ווי אנגענעהם!...

סערוויני האט סאוואל'ן אונטער דער האנד גענומען און איהם אבגעפיהרט אן א זייט:

— דאס איז מיין ערנסטעסטער קאנקורענט, פירשט קראוואלאוו, נישט אמת, זי איז צוטבערהאפט?

— פאר מיר זענען זיי ביידע צוטבערהאפט, — האט סאוואל געענטפערט; — איך וואלט זיך פאלשטענדיג בעגנוגענט מיט דער מוטער!

— זי איז בערייט דיר צו דינען, מיין ליבער, — האט סערוויני א לאך געטהון.

די טאנצענדע האבען זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייהען צו׳ם קאדריל און האבען זיי אלע ווילע געשטויסען.

— אפשר וועלען מיר געהן א קוק טהון אויף די שפילער? — האט סערוויני פארגעשלאגען.

און זיי זענען אריין אין שפיעל-זאל.

ארום יעדען טיש זענען אזוי ווי א רונג געשטאנען פערזאמעלט צושויער. אלע האבען זעהר ווענינ גערעדט. ציטענווייז האט זיך געלאזט הערען דער מעטאלישער קלונג פון גאלד, וואס ווערט געווארפען אויפ׳ן טיש; עס איז אויסגעקומען, ווי דאס געלר שטעלט אויך אריין זיין ווארט אין דעם אלגעמיינעם געמורמעל פון די מענשליכע שטימען.

אלע שפילער זענען געוועזען בעפוצט מיט די פערשיעדענארטיגסטע ארדענס מיט פערשיעדענפארביגע בענדער און האבען זיך געהאלטען גלייך פייערליך ערנסט, נאר געזיכטער האבען זיי געהאט פערשיעדענע, און בעזונדערס פון זייערע בערד האט מען געקאנט דערקענען, ווער פון וועלכער נאציאן שטאמט.

דא זענען געוועזען אמעריקאנער מיט קיילעכדיג אונטערגעשוירענע בערד, און מאיעסטעטישע ענגלענדער מיט א פוכיגען פעכער פון האר אויף דער ברוסט, און שפאניער מיט געזיכטער, וואס זענען ביז די סאמע אויגען געוועזען בעוואקסען מיט געדיכטע שווארצע וואל, און איטאליענער מיט ריעזיגע וואנסעס, און עסטרייכער מיט באקענבערד און נעגאלטע קינען; עס איז געוועזען א רוסישער גענעראל מיט גאנץ שיטערע וואנסעס, וואס זענען געוועזען פערדרעהט אזוי ווי צוויי פערשארפטע פיקעס, אויך זענען געוועזען פראנצויזען מיט עלעגאנטע. קליינע, פערפלאכטענע וואנסעלעך. מיט איין ווארט. דאס איז געוועזען א אויסשטעלונג פון פערשיעדענע מוסטערס פון פריזירערשע קונסט פון אלע לענדער פון דער וועלט.

— דו ווילסט נישט שפילען? — האט סערוויני געפרעגט.

— ניין, און דו?

— איך שפּיעל דאָ קיינמאָל נישט. אפשר זאָלען מיר איצט אוועקגעהן אהיים, וועלען מיר בעסער קומען אהער אַנ'אַנדערש מאָל, ווען עס וועט זיין ווייניגער מענשען; היינט איז דאָ נישטאָ וואָס צו מאַכען.

— געהען מיר!

זיי זענען ארוים אויף די טרעפּ.

— נו, וואָס פאַר אַנ'איינדרוק? — האָט סערוויני געפרעגט, ווען זיי זענען שוין געווען אויף דער גאַס.

— דאָ איז ווירקליך זעהר אינטערעסאַנט צו פערברענגען, נאָר מיך פערזענליך בעשעפטיגען מעהר די פרויען ווי די מאַנס-לייט.

— נו, געוויס! עפּעס בעסערס ווי די דאָזיגע פרויען איז שווער צו געפינען! אמת, עס שמעקט פון זיי פּשוט ליעבע, אַזוי ווי פון אַ פריזירער שמעקט פערפום? דעם אמת רעדענדיג קאָן מען נאָר אין די דאָזיגע הייזער ווירקליך פרעהליך די צייט פערברענגען און עס איז נישט קיין שאָד געלד צו שלייַדערן! און ווי זיי קענען זייער געשעפט, נייַן, ליעבער, איי, איי, איי!...
דאָס זענען ארטיסטינס! דו האָסט שוין אַ מאָל געפרובט עסען פיינע געבעקס אין אַ בעקער-געוועלב? לויט זייער אויסזעהן דאַרפען זיי זיין זעהר געשמאַק. נאָר אין אמת'ן טויגען זיי צו גאָר נישט. דאָס זעלבע איז מיט דער ליעבע פון אַ אריסטאָקראַטי-שער פרוי, זי דערמאָהנט שטענדיג די דאָזיגע בילינגע נאַשערייען, נאָר די ליעבע פון אַ מאַרקיזע אַבּאַרדי און איהרער גלייכען. — דאָס איז ווירקליך אַ געשמאַקער ביסען! זיי זענען קינסטלעריגס ביים צוגרייטען די דאָזיגע געבעקס!... אמת, מען בעצאָהלט פינף סו דערפאַר, וואָס ערגעץ אַנדערש קאָסט עס נאָר צוויי סו, אָבער ווערט איז עס!

— ווער האַלט איצט אוים די מאַרקיזע? — האָט סאַוואַל געפרעגט.

סערוויני האָט אַ קוועטש געטהון מיט די אַקסלען.

— עהרענוואָרט איך ווייס נישט, — האָט ער געזאָגט.— איהר לעצטער, פון אַלעמען אַנערקענטער בעשיצער איז גע-

ווען איינער אַ ענגלישער פּער. נאָר שוין דריי מאָנאַטען, ווי ער איז אַוועקגעפאָהרען. איצט קומט זי וואהרשיינליך ווי עס איז דורך. פון קאָרטען־שפּיעל, אפשר פון די שפּיעלער אליין, ווייל צייטענווייז האָט זי מאָדנע קאַפּריזען. אלזאָ מיר פאָהרען צו זיי שבת אין בושיוואל, מיר פאָהרען, יאָ? אין שוים פון דער נאַטור שעמט מען זיך ווייניגער, און אפשר וועט מיר דאַן סוף כל סוף געלינגען זיך צו דערוויסען, וואס קלערט איוועטע.

— איך וועל מיט פערגניגען פאָהרען, גראַד האָב איך יענעם טאָג נישט וואס צו טהון. — האָט סאַוואל געענטפערט.

עס איז געווען גאַנץ פינסטער. דורכגעהענדיג דורך אַ אַלעע פון די עליזע־פעלדער האָבען זיי אויף איין באַנק איבערגעשראָקען עפּעס אַ ליגענדע פּאָרל.

— וואס פאַר אַ נאַרישקייט און גלייכצייטיג וואס פאַר אַ וואונדערליך געפיהל איז די ליעבע! — האָט סערוויני געמורמעלט. — ווי זי איז באַנאַל, אינטערעסאַנט, שטענדיג גלייך און שטענדיג פערשיעדענאַרטיג! אז מען בעקלערט זיך, דאָס דער קבצן, וואס צאָהלט צוואַנציג סו אַט דער מויד, פאָדערט פון איהר געוויס דאָס זעלבע, פאַר וואס איך בעצאָהל צעהן טויזענד פראַנק אַ וועלכער עס איז אבאַרדיי און אפשר איז זי נאָך עלטער און מיאוס'ער פון דער דאָזיגער גאַסען־פרוי? ווי נאַריש דאָס איז, נישט אמת?

אַ קורצע ווייל האָט ער געשוויגען, דאַן האָט ער ווידער געזאָגט:

— אַלץ איינס... אַח. ווען איך וואָלט געקאָנט זיין איוועטעס ערשטער געליעבטער. איך וואָלט דערפאַר אַבגעגעבען... איך וואָלט דערפאַר אַבגעגעבען...

נאָר ער האָט נישט דערזאָגט, וואס ער וואָלט דערפאַר אַבגעגעבען און סאַוואל האָט זיך געזעגענט מיט איהם אויפ'ן ראָג גאַס רויאַל.

II.

עָסעָן האָט מעָן געָדאַרפֿט אויף דעָר ווארעָנדעָ, איִבּעָר'ן סאַמעָ טײַך. די ווילעָ „פרעָנטאָן' (פריִהליִנג), וואָס די מאַרקיִזעָ האָט נעָדוננעָן, איִז געָוועָן זעָהר מאַלעָריִש אײַנגעָריִכטעָט אויפ'ן משופּעָ'דיִנעָן ברעָג, פונקט אויף דעָם אָרט, וואו די סעָנעָ פעָר־קעָרעָוועָט צו מאַרליִ צו.

געָגעָנאיִבּעָר די ווילעָ זעָנעָן געָשטאַנעָן די גריִנעָ בּוימעָר פון איִנזעָל קרואַסיִ און האָבּעָן אויסגעָזעָהן ווי אַ גאַנצעָר ים פון גריִנס; בּיִז גאַנץ ווײַט האָט מעָן געָזעָהן דעָם בּרײַטעָן טײַך, איִן דעָר ווײַטעָן האָט זאָגאַר געָפיִנקעָלט דאָס שוויִמעָנדעָ קאָפּעָ גרעָנעָלעָר, וואָס איִז האַלבּ געָוועָן בּעָהאַלטעָן היִנטעָר די גריִנעָ צווײַגעָן.

עָס איִז אָנגעָפאַלעָן דעָר אָוועָנד — דאָס איִז געָוועָן אײַנעָר פון יעָנעָ פריִעדליִכעָ אָוועָנדעָן, וואָס טרעָפעָן זיִך נאָר אויפ'ן וואַסעָר און מאַכעָן אַ בּעָזונדעָרס בּעָרוהיִגעָנדעָן, אָנגעָנעָהמעָן אײַנדרוק. די בּלעָטעָר פון די בּוימעָר האָבּעָן זיִך ניִשט בּעָוועָגט, אַזוי שטיִל איִז געָוועָן, און די אויבּעָרפלעָכעָ פון דעָר סעָנעָ האָט אויסגעָזעָהן גאָר גלײַך און שפּיִעָגעָלדיִג. נאָר קײַן בּעָזונדעָרעָ היִץ איִז ניִשט געָוועָן, עָס איִז נאָר געָוועָן וואַריִם און אָנגעָנעָהם. די נעָבּעָנשטעָ פריִשקײַט פון טײַך האָט לײַכטעָר געָמאַכט די שווערעָ זומעָרדיִגעָ היִץ און די פײַכטעָ אויסדאַמפונגעָן האָבּעָן זיִך הויך געָהויבּעָן צו'ם העָלעָן היִמעָל.

די זון האָט זיִך בּעָהאַלטעָן היִנטעָר די בּוימעָר, בּיִסלעָכ־ווײַז איִז זי איִן אַנדעָרעָ לעָנדעָר אַוועָק, איִן דעָר לופט האָט זיִך געָפיִהלט די נאַכט־רוהיִגקײַט און עָפּעָס וואונדעָרבּאַרעָס, צאַרטעָלעָנ־דעָס און מעָרקוויִרדיִגעָס.

אַלעָ זעָנעָן עָנטציִקט געָוואָרעָן מיִט'ן אָוועָנד, ווען זיי זעָ־געָן פון זאַל אויף דעָר ווארעָנדעָ אַרויס — אַלעָמעָן איִז געָוואָרעָן עָפּעָס לוסטיִג און פרײַדיִג אויפ'ן האַרצעָן; עָס איִז געָוועָן אָנגעָ־נעָהם צו עָסעָן אויף דעָר פריִשעָר לופט, נעָבּעָן דעָם דאָזיִגעָן ריִעזיִגעָן טײַך, בּײַ דעָם ווײַבּעָן שײַן פון דעָר אונטעָרנעָהעָנדעָר זון.

די מארקיזע האט סאוואל'ן אונטער'ן האנד גענומען: סערוויני איז געגאנגען מיט איוועטע'ן.

זיי זענען גראד געווען זאלעבעפיערט.

ביידע דאמען האבען אויסגעזעהן גאר אנדערש ווי אין פאריז, בעזונדערס איוועטע.

זי האט זעהר ווייניג גערעדט און געמאכט א איינדרוק פון א שמאכטענדער און זעהר פערטראכטער מיידעל.

סערוויני האט פשוט זיינע אויגען נישט געגלויבט.

— וואס איז אייך, מאדמואזעל?--האט ער ענדליך געפרעגט.— איהר זענט שרעקליך פערענדערט געווארען פון דער פאריגער וואך אן און איהר זענט געווארען א גאנץ ערנסטע, פערשטענדיגע פריילין!

— דאס ווירקט אזוי אויף מיר די דארפס-לופט, — האט איוועטע געענטפערט. — איך פיהל אליין, אז איך בין עפעס א מאדנע! איבריגענס האב איך שטענדיג אזא נאטור זיך שנעל אומצובייטען, איך קאן נישט זיין די זעלבע צוויי טאג נאכאנאנד. היינט בין איך אומעטיג. און מארגען קאן איך שוין זיין אהן א שיעור לוסטיג!... איך בין אונבעשטענדיג. אזוי ווי דער וועטער... און איך ווייס אליין נישט פאר וואס! ווייסט איהר, עס טרעפט מינוטען, ווען איך בין גרייט צו אלעם. טיילמאל ווילט זיך מיר עמיצען ערמארדען, נאטירליך א מענשען, נישט קיין חיה, אויף קיין חיה וואלט איך א האנד נישט געקאנט אויפהויבען... און טיילמאל בין איך גרייט זיך צו צעוויינען צוליעב יעדער נארישקייט... אזא מיש-מאש האב איך שוין אין קאפ!... מיין מאראלישער גייסטעס-צושטאנד ווענדעט זיך זעהר אפט אויף אן דעם, אין וואס פאר א שטימונג איך חאפ מיך אויף. שטענדיג ווייס איך נאך אין דער פריה, ווי איך וועל אין אווענד זיין. געווים ווירקען דאס אויף מיר די חלומות און די ביכער, וואס איך לייען.

איוועטע איז געווען געקליידט אין א ווייסער פלאנעלענקלייד. די ווייסע מאטעריע האט זיך אויסגעלעגט אין שענע פאלדען ארום איהר שלאנקער פיגור און די לייזע בלוזע האט נאר

קוים-קוים ארויסגעוויזען די קאנטורען פון איהר רונדער, מערעלשער ברוסט און האט אויף קיין האר נישט געשטערט די בעוועגונגען פון דעם דאזיגען בויגזאמען קערפער. די צארטע, דינע האלז איז געוועזען ווי פערטרונקען אין דעם שוים פון געדיכטע, דיקע שפיצען פונ'ם קאלנער, און ווען דאס יונגע מיידעל האט דעם קאפ איינגעבויגען, האט איהר נאקען פשוט ערשטוינונג ערוועקט מיט זיין ווייסקייט; ער איז געוועזען ווייסער ווי דער פלאנעל גופא און די נידריג פערשפילעטע געדיכטע האר האבען אויסגעזעהען גאר ווי גאלדענע.

סערוויני האט לאנג פון איהר קיין אויג נישט געקאנט אבגרייסען.

— איהר זענט היינט צויבערהאפט, — האט ער איהר איינגערוימט. — איך וואלט וועלען, איהר זאלט שטענדיג זיין אזא!

— זעהט נאר, מוסקאד, איהר זאלט זיך מיר א מאל נישט אין ליעבע ערקלערען! — האט איהם איוועטע איבערגעשלאגען מיט איהר געוועהנליכען שטיפערישען טאן אין איהר שטימע, — היינט קאן איך נאך א מאל פעהיג זיין אייך צו גלויבען און דאן וועט עס אייך טייער קאסטען.

די מארקיזע האט אויסגעזעהן גליקליך, זאגאר זעהר גליקליך. זי איז איננאנצען געוועזען פערדראפירט מיט א איינפאכער שווארצער קלייד, און נאר ביי'ם קארסאזש האט זיך געזעהן עפעס רויטעס; אונטער'ן גירטעל איז געוועזען פערשטעקט א בוקעט פון רויטע נעלקען און איניגע בלומען האבען זיך אזוי ווי א גירלאנדע ארונטערגעלאזט כמעט ביז צו'ם אונטען פון קלייד; אין די דונקעלע האר האט זיך גערויטעלט א העל-רויטע ראזע. יענעם אווענד האט די דאזיגע פראכטפולע שענהייט געהאט אין זיך עפעס בעזונדערס ברענענדעס, און דער דאזיגער דונקעלער טואלעט מיט די העל רויטע בלומען האט וואונדערליך געפאסט צו איהר, צו איהרע שמאכטענדע אויגען, צו איהר ליידענשאפטליכער שטימע און די ווייכע, אזוי ווי ערמידעטע בעוועגונגען.

סאוואל האט אויך אויסגעזעהן ערנסט און פערזארגט! פון צייט צו צייט האט ער געגלעט זיין געדיכטע שווארצע בארד, וואס

איז געוועזען אונטערגעשוירען מיט א שארפען שפיץ אלא האנרי III און זיך טיעף וועגען עפעס פערטראכט.

אין אנהויב עסען האבען אלע אזוי ווי אין עקשנות געשוויגען.

— אינ'ם שווייגען איז אויך דא פיעל שענעס, — האט זיך סערוויני פלוצלונג' אבגערופען, ווען מען האט שוין די פיש דערלאנגט. — זעהר אפט פיהלען זיך מענשען זאגאר נעהנטער צו אייננאנדער, ווען זיי שווייגען, ווי ווען זיי רעדען; נישט אמת, מארקיזע?

זי האט זיך עטוואס אומגערדרעהט צו איהם און געענטפערט:

— יא, איהר זענט גערעכט. עס איז אזוי שען צו טראכטען צוזאמען וועגען אנגענעהמע זאכען...

און זי האט אויפגעהויבען איהרע ברענענדע אויגען אויף סאוואלין; זייערע בליקען האבען זיך בעגעגענט און לאנג זענען זיי אזוי געזעסען און שארף געקוקט איינער אויפ'ן צווייטען.

אונטער'ן טיש איז עפעס פארגעקומען א קליינע, כמעט אונבעמערקטע בעוועגונג.

— מאמזעל איוועטע, אויב איהר וועט דעם גאנצען עסען זיצען אזוי שטיל, וועל איך אויף אנ'אמת א קלער טהון, אז איהר זענט פערליעבט, — האט סערוויני ווידער אנגעהויבען. — נאר אין וועמען וואלט איהר דאס געקאנט פערליעבען זיך, ווייזט, לאמיר צוזאמען טרעפען?... קודם כל וועלען מיר לאזען אין א זייט די גאנצע אלגעמיינע מאסע פון אונזערע פערעהרער... איך וועל נאר אויסרעכענען די וויכטיגסטע פון זיי. אפשר האט איהר זיך פערליעבט אין פירשט קראוואלאוו?

ביי דעם נאמען האט איוועטע דעם קאפ אויפגעהויבען און זי האט זיך אזוי ווי אויפגעכאפט פון איהרע טרוימערייען.

— וואס פאלט אייך איין, ליעבער מוסקאר! דער ראזינער פירשט איז דאך ענליך צו א וועקסענער פופע, וואס שטעהט אויסגעשטעלט ערגעץ אין א מוזעאום אלס א טיפ פון א רוס, אדער אויף א פופע, וואס האט בעקומען מעדאלען אויף א קאנקורס פון פריזירער.

— שען ; מעקען מיר ארויס דעם פירשט. אפשר געפעלט אייך דער וויקאנט פיער דע בעלווין ?

דאס מאל האט זיך איוועטע הויך צעלאכט.

— צי דען קאנט איהר זיך פארשטעלען, ווי רעזינע האלט מיך אין זיינע ארעמס (זי האט בעלוויג'ען גערופען א מאל רעזינע, א מאל מאלוואזי, א מאל ארזשאנטייל, און בכלל האט זי יעדען עפעס א נאמען געגעבען) ? שטעלט זיך פאר, ווי איך וועל אומארמען זיין פעטע האלז און איהם איינרוימען אין אויער : „א, מיין ליעבער קליינער גיעק", אדער „מיין געטליבער פעדרא", אדער „מיין פערגעטערטער פלעטרי', אדער „מיין„טייערער פיערי, נייג אראב צו דיין קליין ווייבעלע דיין דיקען זינענלאזען קאפ, איך וויל דיך אזוי א קוש טהון !"

— הייסט עס, מיר מעקען איהם אויך אוים, — האט סערוויני זי איבערגעשלאגען. — איצט בלייבט דער קאוואלער וואלרעאלי, וועלכער האט דוכט זיך נעפונען בעזונדערס חן אין די אויגען פון דער מארקיזע.

איוועטע איז שוין גאר פרעהליך געווארען.

— דאס „טרעהרען-אויג' ? נאר ער דיענט דאך אלס קלא-גער אין דער קירכע פון דער הייליגער מאנדאלענא... יא, יא, איהם דינגט מען שטענדיג אויף א רייכע לויה ! ווען ער קוקט אויף מיר, דוכט זיך מיר אלץ, אז איך בין שוין געשטארבען.

— הייסט עס, מיר מעקען אלע דריי אוים. אפשר האט איהר זיך שוין אזוי שנעל פערליעבט אין באראן סאוואל ?

— אין ראדאס'ן דעם זוהן ? ניין, ער איז צו גרוים. דאס איז אלץ איינס, ווי פערליעבען זיך אין א מאנומענט-זייל !

— נו, אויב אזוי איז שוין קיין צווייפעל נישטא, אז איהר האט זיך אין מיר פערליעבט, דען פון אלע אייערע פערעהר-ער בין איך איינער אליין געבליבען אהן א קריטיק פון אייער זייט. אוים בעשיידענהייט האב איך אייך נישט דערמאהנט וועגען זיך און איצט בלייבט מיר נאר זיך צו פערנייגען און דאנקען.

— איהר מיינט, אז איך בין פערליעבט אין אייך, מוס-קאד ? א ניין ! — האט איוועטע געענטפערט פרעהליך. — איך

ליעב אײַך זעהר... נאָר איך ליעב אײַך נישט... װאַרט, איך װיל נישט פֿון אײַך דעם מוט אװעקרױבען... פֿאָרלױפֿיג ליעב איך אײַך נישט... נאָר... בעמיהט זיך, מוסקאַד, מיר צו זײַן מיט'ן גאַנצען האַרצען איבערגעבען, אונטערטעניג, אױפֿמערקזאַם צו מיר, ערפֿילט אַלע מײַנע קאַפּריזען, בעמיהט זיך מיר געפֿעלען צו װערען... און דאַן... דאַן װעלען מיר זעהן, װאָס װײַטער װעט זײַן.

— אָבער, מאַמזעל איװעטע... אויב אײַך איז אַלץ אײנס, װאָלט מיר געװען פֿיעל אַנגענעהמער צו ערפֿילען אַלץ, װאָס, איהר פֿאָדערט, נישט פֿריהער, נאָר נאָכדעם!...

— נאָך װאָס, מוסקאַד? — האָט זי געפֿרעגט נאַאיװ מיט אַ טאָן פֿון אַ קלײנער סובּרעטע.

— אַח, מײַן גאָט, נאָכדעם װי איהר װעט מיר בעװײַזען, אַז איהר ליעבט מיך...

— נו איז װאָס! לאָ'מיר זאָגען, אַז איך ליעב אײַך, גלױבּט דאָס, אויב איהר װילט...

— אָבער!...

— גענוג, גענוג װעגען דעם, מוסקאַד, קײן װאָרט מעהר!

ער האָט געמאַכט פֿאַר איהר דעם מיליטערישען ערהרע-צײַכען און איז שטיל געבליבען.

די זון האָט זיך בעהאַלטען הינטער דער אינזעל, נאָר דער גאַנצער הימעל האָט געפֿלאַמט װי אַ שײַטער-הױפֿען, און דאָס רוהיגע װאַסער פֿון טײַך האָט זיך אַזױ װי אין בלוט פֿערװאַנדעלט. און אַלץ װאָס אַרום, די הײַזער, די בּױמער, די געזיכטער פֿון די מענשען האָבען זיך אָבגעשלאָגען מיט רויט. די העלע ראָזע און די האָר פֿון דער מאַרקיזע האָט אויסגעזעהן װי אַ טראָפּען פּורפּור, װאָס איז פֿון הימעל אויף איהר קאָפּ אַראָבּגעפֿאַלען.

די מאַרקיזע האָט זיך בענוצט דערמיט, װאָס איװעטע האָט זיך פֿערקוקט ערגעץ אין דער װײַטען, און האָט אַזױ װי נישט אומישנע אַרױפֿגעלײגט איהר נאַקעטע האַנד אויף סאַװואַלים האַנד. נאָר קוים האָט דאָס יונגע מײדעל זיך אַ ריהר געטהון, האָט זי

שנעל די האנד אבגעדרעהט און אנגעהויבען עפעס צו פערריכטען אין די פאלדען פון איהר קארסאזש.

סערוויני האט דאס אלץ נאטירליך בעמערקט.

— מאמזעל איוועטע, צי ווילט איהר נישט א ביסעל שפאציערען אויף דער אינזעל נאך מיטאג? — האט ער פארגעלעגט.

— א, יא, יא, דאס וועט זיין שען!... — האט זי זיך פריידיג אנגעכאפט; — מיר וועלען געהן גאר, גאר אליין, איהר ווילט, מוסקאד?

— יא, גאר אליין.

דאן זענען אלע געבליבען שטיל.

די מאיעסטעטישע, דרעמלענדע אווענד־רוהיגקייט האט איינגעוויעגט די הערצער מיט איהר זיסער מידקייט. עס גיעבט אזעלכע וואונדערליכע רוהיגע שטונדען, ווען עס איז פשוט נישט מעגליך צו בעוועגען זיך און נישט מעגליך צו רעדען. די לאקייען זענען אהן געראוש דורכגעלאפען, געביטען די טעלער און דערלאנגט נייע געקעכטסען. אויפ'ן האריזאנט איז פערלאשען געווארען דער פלאם פון דער הימעלשער שריפה און די נאכט האט פאמעלעך ארויפגעווארפען איהר ריעזיגען שלייער אויף די איינשלאפענדע ערד.

— איהר רעכענט דא לאנג צו בלייבען אויף דער זומערוואהנונג? — האט סאוואל נעפרעגט די מארקיזע.

— יא, דערווייל וועל איך דא זיין גליקליך, — האט זי געענטפערט, דריקענדיג יעדעסווארט בעזונדער.

עס איז געווארען אזוי פינסטער, אז מען האט געמוזט די לאמפען אנצינדען. זיי האבען געווארפען א מערקווירדיגען בלאסען שיין אויף די אלגעמיינע נאכט־פינסטערניש פון דעם אונגעהויערען רוים, און צו דעם דאזיגען שיין זענען גלייך אנגעפלויגען מיריאדען קליינע פליעגעלעך, וואס האבען זיך פשוט ווי געשאטען אויפ'ן טישטוך. זיי האבען אלע אבגעבריהט אן די גלעזער פון די לאמפען זייערע קליינינקע הענדטלעך און פליעגעלעך און האבען פער־

שאָטען מיט זיך אזוי ווי מיט אַ גרויען לעבּעגדיגען פורער דעם טישטוך, די סערוועטען, די טעלער, די בּעכער!...

די עסענדע האָבּען זיי אונבּעמערקט אַרײַנגעשלונגען מיט'ן ווײַן און זיי אויפגעגעסען מיט די טאָרטען. זיי האָבּען זיך בּעוועגט אומעטום, אויפ'ן בּרויט, אויף די געזיבּטער, אויף די הענד און האָבּען אויך לײַכט געקיצעלט די הויט מיט זייער קוים בּעמערקטער בּעוועגונג.

מען האָט געמוזט בּסדר אומבּײַטען די גלעזער, צורעקען מיט די הענד און סערוועטען די טעלער מיט די געקעכּטסען און עסען מיט דער גרעסטער פאָרזיכטיגקײַט.

אָט די גאַנצע אַרומטוהעניש האָט איוועטע'ן זעהר לוסטיג געמאַכט; סערוויני האָט זיך שטאַרק געזאָרגט וועגען איהר, אָבּגעהיט אַלץ, וואָס זי האָט צו'ם מויל צוגעטראָגען, און צײַטענווײַז האָט ער איבּער איהר קאָפּ געהאַלטען זײַן סערוועטע, וואָס ער האָט אײַנגעלעגט אַזוי ווי אַ דאַך. נאָר בּאַלד האָבּען אַלע פליעגעלעך דערעסען דער מאַרקיזע; זיי האָבּען איהר געווירקט אויף די נערווען און זי האָט זיך בּעמיהט ווי ווײַט מעגליך שנעלער צו ענדיגען דאָס עסען.

איוועטע האָט נישט פערגעסען סערוויני'ס פאָרשלאַג און ווי מען איז נאָר פון טיש אויפגעשטאַנען האָט זי הויך ערקלערט:

— איצט געהען מיר אויף די אינזעל!

— איך בּעט אײַך, בּלײַבּט דאָרט נישט צו לאַנג, — האָט איהר די מוטער פויל בּעמערקט; — איבּרינגענס, מיר וועלען אײַך צופיהרען בּיז צו'ם איבּערשיפער.

אַלע האָבּען זיך געלאָזט אין וועג, נאַטירליך פּאָרווײַז, יעדע פּאָר בּעזונדער: איוועטע איז געגאַנגען פאָראויס מיט איהר פרײַנד, הינטער זיי זענען פּאַמעלעך געגאַנגען די מאַרקיזע און סאַוואַל; דאָס פאָדערשטע פּאָרעל האָט געהערט, ווי הינטער זיי רעדט מען וועגען עפּעס זעהר שנעל און זעהר שטיל. עס איז געווען גאַנץ פינסטער, אַ געדיכטע טינט-פינסטערניש. און דער הימעל, וואָס איז אינגאַנצען געווען מיט שטערען בּעזײַעט, האָט די שטערען אַזוי ווי אַראָבּגעשאָטען פון דער הויך אין טײַך אַרײַן

און דאָס גאַנצע וואַסער האָט אויך מיט שטערען געגלאַנצט.

איצט האָבען די פרעש הויך געזונגען זייערע ליעדער און זייער מאָנאָטאָנעס קוואַקען האָט זיך זעהר קלאָר געהערט פון צווייטען ברעג.

אין די בוימער האָבען נאַכטיגאַלען געזונגען! זיי זענען געווען איבעראַל אונגעהויער פיעל.

— איהר הערט! דוכט זיך, זיי געהען שוין נישט הינטער אונז? — האָט זיך איוועטע פלוצלונג געחאַפּט און הויך אַ רוף געטהון:

— מאַמאַ!

קיינער האָט איהר נישט געענטפערט.

— ווי מערקווירדיג דאָס איז! — האָט זיך דאָס יונגע מיידעל געוואונדערט. — זיי האָבען דאָך נישט געקאָנט ווייט אַוועקגעהן, נאָך גאָר נישט לאַנג האָב איך נאָך זייערע שטימען געהערט.

— זיי האָבען זיך זיכער אומגעקעהרט צוריק, — האָט סערוויני אַ מורמעל געטהון. — אייער מוטער איז געווים קאַלט געוואָרען.

און ער האָט זי מיטגעצויגען מיט זיך ווייטער.

פאַר זיי האָט אַ פייערל אַ בליץ געטהון. דאָס איז געוועזען דער האָטעל אין רעסטאָראַן פון פישער מארטינע. סערוויני האָט אַ רוף געטהון און דאַן איז פון הויז אַרויסגעקומען עפּעס אַ מענש און זיי געהאָלפען זיך זעצען אין אַ גרויסע שיפעל, וואָס איז געווען בעהאַלטען צווישען די געוויקסען פון ברעג.

דער איבערשיפער האָט זיך אַ נעהם געטהון פאַר די רודערס און דאָס שווערע שיפעל האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבען שווימען איבער דעם אונבעוועגליכען וואַסער און האָט דערביי אויפגעוועקט די דאָרט איינגעשלאָפענע שטערען; די דאָזיגע שטערען זענען פערצווייפעלט אָבגעשפרונגען אויף רעכטס און אויף לינקס. האָבען געטאַנצט עפּעס אַ ווילדען טאַנץ, דאַן האָבען זיי זיך בּיסלעכווייז בערוהיגט הינטערן שיפעל און ווידער איינגעשלאָפען מיט אַ רוהיגען שלאָף.

צוגעקומען ביז צום צווייטען ברעג, זענען זיי ארויס פֿון שיפֿעל און זיך געלאָזט געהן אויפֿ'ן שטעג.

אויף דער אינזעל אין וואלד איז געוועזען קיהל און פֿייכט; אין די געדיכטע צווייגען פֿון די בוימער זענען דוכט זיך געוועזען אזוי פֿיעל נאכטיגאלען, וויפֿיעל בלעטער דאָרט זענען געוועזען.

פֿון ווייטען האָבען זיך געהערט די טענער פֿון אַ פּיאַנינאָ. עמיצער האָט געשפּיעלט אַ גאַנץ בעקאַנטען וואַלץ.

סערוויני האָט איוועטע'ן גענומען פֿאַר די האַנד און זי שטיל, שטיל אַרומגענומען מיט דער צווייטער האַנד אַרום טאַליע, אַרומגענומען און זי צאַרט צו זיך צוגעדריקט.

— וועגען וואָס טראַכט איהר? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך? וועגען קיין זאַך. איך בין זעהר גליקליך.

— הייסט עס, איהר ליעבט מיך נישט?

— אדרבא, מוסקאַד, איך ליעב אייך, איך ליעב אייך זעהר; נאָר, איך בעט אייך, שטעהט נישט צו צו מיר דערמיט. דאָ איז צו גוט, אַז מען זאָל קאָנען הערען אייערע נאַרישקייטען!

ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך און זי האָט אומזיסט בעמיהט זיך אַרויסצורייסען. סערוויני האָט געפֿיהלט די וואַרימקייט פֿון איהר קערפּער דורך דאָס וועשע, צאַרטע פֿלאַנעלען־געוועבע.

— איוועטע! — האָט ער אַ מורמעל געטהאָן.

— וואָס איז?

— איך ליעב דאָך אייך!

— אח, מוסקאַד, איהר האַלט אַלץ אין איין שפּאַסען.

— אָבער ניין דאָך, שוין אַ לאַנגע צייט, ווי איך ליעב אייך.

זי האָט זיך נאָך אַלץ בעמיהט לייז צו ווערען פֿון איהם, זיך בעמיהט אַרויסצורייסען איהר האַנד, וואָס איז געוועזען צונויפֿגעדריקט צווישען זייערע ביידע קערפּער. זיי האָבען קוים מיט מיה זיך געקאָנט בעוועגען, ווייל די דאָזיגע האַלבע אומאַרמונג האָט זיי געשטערט, און אַזוי ווי שכור'ע האָבען זיי זיך געוואַקעלט אויף רעכטס און אויף לינקס.

סערוויני האָט נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טהאָן. ער האָט

געפֿיהלט, אז צו דעם מיידעל קאָן מען נישט זאָגען דאָס, וואָס מען זאָגט א פֿרוי. ער איז פֿערלעגען געוואָרען, זיך אויף זיך אליין געבייזערט... ער האָט זיך פֿערוואונדערט געפֿרעגט אין געדאנקען, צי איז זי איינשטימיג אָדער זי פֿערשטעהט איהם נישט, און אומזיסט האָט ער זיך בעמיהט צו געפֿינען אין געדאנקען דאָס, וואָס ער דארף אין דעם אויגענבליק זאָגען, יענע בעשטימטע, צארטע, אלץ ענטשליסענדע ווערטער.

— איוועטע!... זאָגט מיר, איוועטע!... האָט ער ווידערהאָלט כמעט יעדען אויגענבליק.

דאן האָט ער פֿלוצלונג ריזיקירט און א קוש געטהון דאָס מיידעל אין באק. זי האָט זיך עטוואָס אָבגערוקט פֿון איהם און בעמערקט מיט כעס:

— אח, ווי אונערטרעגליך איהר זענט! ווערט איהר מיך שוין ענדליך לאָזען צורוה, אָדער ניין?

לויט דעם טאָן פֿון איהר שטימע איז אונמעגליך געווען צו פֿערשטעהן, וואָס זי האָט געקלערט און וואָס זי האָט געוואָלט; סערוויני'ן האָט זיך געדאכט, אז זי איז נישט שטארק בייז געווען אויף זיין קוש און ער האָט דורשטיג צוגעהעפֿט זיינע ליפּען צו איהר נאקען, וואו דאָס שנעעווייסע העלזעל איז קוים קוים געווען בעדעקט מיט א פֿוך פֿון גאָלדענע האָר. אין געדאנקען האָט ער שוין לאנג אָנגעצייכענט דעם דאָזיגען אָרט און געטרוימט דאָרט א קוש צו טהון.

דאן האָט איוועטע מיט'ן גאנצען כח איהם אָבגעשטויסען און זיך געוואָלט ארויסרייסען. נאָר סערוויני האָט זי פֿעסט געהאַלטען ארום דער טאליע, און מיט דער צווייטער האנד האָט ער מיט גוואלד זי געצוואונגען איינצובויגען דעם קאָפּ, און ער האָט פֿון איהרע ליפּען אראָבגעריסען א הייסען, פֿערשכורענדען קוש.

זי האָט זיך ארויסגעריסען פֿון זיינע אָרעמס, זיך בויגענדיג אין דרייען: זי איז אראָבגעשוואומען פֿון זיין ברוסט, פֿון זיינע הענד ארויס, זיך בעפֿרייט און שנעל אין דער פֿינסטערניש פֿערשוואונדען. א ווייַלע האָט איהר קלייד גערוישט אזוי ווי די

פליִענגעל פון א פויגעל. וואס טהוט א פליִה אויף, דאן איז גאנץ שטיל געוואָרען.

סערוויני איז אונבעוועגליך געשטאנען אויף איין אָרט, ערשטוינט פון דער בויגזאמקייט פון דעם דאָזיגען שלאנקען קערפּער און ווי שנעל דאס יונגע מיידעל איז פערשוואונדען געוואָרען. ער האט אויף עפּעס געווארט, נאר אלץ ארום האט געשוויגען און ער האט זיך בעשלאָסען א רוף צו טהון אין דער שטיל:

— איוועטע!

זי האט נישט געענטפערט. סערוויני האט זיך געלאָזט געהן ווייטער, זיך בעמיהט זיך איינצוקוקען אין די פינסטערניש, צו דערזעהן צווישען די בוימער דעם ווייסען פלעק פון איהר קלייד. נאר אומעטום איז געוועזן גלייך שווארץ.

— מאמזעל איוועטע! — האט ער ווידער א געשריי געטהון, דאס מאל שוין פיעל העכער.

די איבערגעשראָקענע נאכטיגאלען זענען פערשטומט געוואָרען.

סערוויני האט אנגעהויבען געהן נאך שנעלער, ער איז אונרוהיג געוואָרען און האט געשריען אלץ העכער און העכער:

— מאמזעל איוועטע! מאמזעל איוועטע!

קיינער האט איהם נישט געענטפערט; ער איז געבליבען שטעהן, געווארט, זיך צוגעהערט, — אלץ אומזיסט. די אינזעל האט געשוויגען, אפילו די בלעטער פון די בוימער האבען זיך כמעט נישט בעוועגט. נאר די פרעש האבען נישט אויפגעהערט צו זינגען זייערע ליעדער ערגעץ ביי'ם ברעג.

דאן האט סערוויני אנגעהויבען ארומצופלאָנדזען דורך די בוימער, אליין נישט וויסענדיג וואוהין; איין מאל איז ער ארויפגעשטיגען אין דער הויך צו'ם בארג, איין מאל איז ער אראב ביז צו'ם סאמע טייך... לאנג איז ער געגאנגען, דערזעהן פאר זיך די פייערען פון בוזשי-וואל, זיך ווידער אומגעדרעהט, דערגאנגען ביז צו'ם רעסטאראן גרענולער, געפּרובט אריינצוגעהן צווישען די געדיכטסטע בוימער און האט אלץ ווידערהאלט:

— מאמזעל איוועטע, וואו זענט איהר? רופט זיך אב!

דאָס איז נאָר געווען אַ שפּאַס. נו, ענטפערט שוין, איך בעט אייך, צווינגט מיך נישט צו זוכען אייך אַזוי לאַנג.

ערגעץ אין דער ווייטען האָט אַ זייגער אָנגעהויבען שלאָגען. סערוויני האָט געצעהלט: צוועלף דער זייגער. הייסט עס, ער לויפט שוין אַרום אויף דער אינזעל גאַנצע צוויי שטונדען. אונצופריעדען און פערזאָרגט האָט ער בעשלאָסען, אַז דאָס יונגע מעדעל איז שוין וואַהרשיינליך צוריקגעקעהרט אַהיים און איז אַליין געגאַנגען אין בוזשיוואַל אַרום און אַרום, מיט'ן בריק. אין קאָרידאָר פון דער ווילע איז געשלאָפען דער לאָקאַי אין אַ שטוהל.

סערוויני האָט איהם אויפגעוועקט און געפרעגט:

— דאָס פרייליין איז שוין לאַנג צוריקגעקומען? איך האָב זי נישט צוגעפיהרט ביז צו'ם שטוב, ווייל איך האָב דאָ נישט ווייט געמוזט אָבטרעטען געשעפטליך ...

— אָ, הערר הערצאָג, עס איז נאָך קיין צעהן נישט געווען, ווען דאָס פרייליין איז צוריקגעקומען! — האָט דער לאָקאַי געענטפערט.

סערוויני איז אַריין צו זיך אין צימער און זיך געלעגט.

ער איז געלעגען מיט אָפענע אויגען און נישט געקאָנט איינשלאָפען. דער דאָזיגער גע'גנב'טער קוש האָט זיין בלוט אויפגערעגט. — וואָס וויל זי? וועגען וואָס טראַכט זי? פערשטעט זי, וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך? — האָט זיך סערוויני געפרעגט.— גאָט, ווי שען זי איז, ווי זי פערשיכורט, ווי זי בעצויבערט...

סערוויני איז שוין מיעד געווען פון לעבען; ער איז שוין געווען שטאַרק אָבגעניצט דורך זיינע הולאַנקעס, דורך די אייביגע נאַכט־אָרגיעס, דורך די פיעלע פרויען, מיט וועלכע ער איז זיך צונויפגעקומען. זיינע פערלאַנגען זענען אַזוי שנעל ערפילט געוואָרען, אַז ער האָט כמעט נישט בעוויזען צו פערלאַנגען; נאָר איצט האָבען אַלע שוין פערשטומפטע געפיהלען, פערלאַנגען און ליידענשאַפטען ווידער ערוואַכט אין זיין האַרצען מיט אַ אונגעוועהנליכער קראַפט, אַזוי האָט געווירקט אויף איהם דאָס דאָזיגע אָריגינעלע, זיינע נערווען צערייצענדע, פרישע, שענע און פאַר איהם אונפערשטענדליכע מיידעל.

דער זייגער האט געשלאגען איינס. דערנאך צוויי. ער האט געפיהלט, אז ער וועט נישט איינשלאפען. היים איז איהם געווען, א שוויים האט זיך פון איהם געגאסען, דאס בלוט האט איהם אין די שלייפען געקלאפט. סערוויני איז אויפגעשטאנען און דעם פענסטער געעפענט...

פרישע לופט האט אויף איהם א בלאז געטהון און ער האט זי מיט פערגניגען איינגעטעמט מיט דער פולער ברוסט. אונטען אין דער נאכט-פינסטערניש האט אלץ געשוויגען, אלץ איז געווען אין א טיעפען שלאף פערזונקען. פלוצלונג האט אין גארטען צווישען די פינסטערע מאסען פון די בוימער א בליץ געטהון א קליינער ליכטיגער פונקט, אזוי ווי א גאנץ קליינער קויהל, — א, א ציגאר!... — האט סערוויני א קלער געטהון. — דאס איז זיכער סאוואל... — און ער האט איהם שטיל א רוף געטהון.

— לעאן!

— דאס ביזטו, זשאן? — האט איהם געענטפערט א שטימע פון אונטען.

— יא, איך. ווארט א ווייל, איך געה גלייך אראב צו דיר.

סערוויני האט זיך אנגעקליידט און איז אראב אין גארטען צו זיין פריינד. סאוואל איז געזעסען רייטענדיג אויף א אייזערנעם שטוהל און גערויכערט א ציגאר.

— וואס טהוסטו דא אין מיטען נאכט? — האט סערוויני געפרעגט.

— איך רוה זיך אב. — סאוואל האט זיך פרעהליך צולאכט. זשאן האט איהם א דריק געטהון די האנד.

— איך גראטוליר דיר, ליעבער, איך גראטוליר!... און איך לאנגווייליג זיך נאך ווי פריהער און בייזער זיך, — האט ער געזאגט.

— הייסט עם?...

— יא, דאס הייסט... אז איוועטע איז נישט עהנליך צו איהר מוטער!

— וואס איז ביי אייך פארגעקומען? דערצעהל מיר!

סעוויני האָט איהם אויספיהרליך דערצעהלט זיין פּראָבע, וואָס איז אהן ערפאָלג געבליבען.

—איוועטא האָט מיך אויסגעפיינינגט, איך האָב שוין גאָר קיין כחות נישט,—האָט ער צוגעגעבען,—שטעל זיך פאָר, איך האָב זיך געלעגט און בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפען. אָך, די דאָזיגע מיידלעך איז גאָר נישט צו פערשטעהן.. קוקענדיג אויף זיי, קען מען מיינען, אז מיט זי איז גאַנץ לייכט דורכצוקומען, טהוט מען אָבער אַ פּרוב, אזוי ווייס מען נישט ווי זיך צו נעהמען דערצו. אנ׳ערפאַהרענע פרוי, וואָס האָט שוין אַלץ אויסגעפּרובט און האָט שוין געליעבט, איז גאַנץ לייכט צו פערשטעהן, און אין אַ מעדעלשע נשמה איז שווער אַריינצוקוקען!... ווייסט זי דער טייוועל, וואָס זי קלערט זיך!... איצט דאַכט זיך מיר, אז זי לאַכט אויס פון מיר.

סאַוואַל האָט זיך געוויעגט אויפ׳ן שטוהל.

—זעה, דו זאָלסט זיין פאָרזיכטיג, מיין ליעבער. זי וויל דיך צווינגען חתונה צו האָבען מיט איהר,—האָט ער פאַמעלעך געזאָגט—געדענק אזעלכע ביישפּיעלען פון לעבען פון גרויסע לייט. געדענק, אז די מאדמואזעל דע-מאָנטיחאָ איז פּונקט אויף אזאַ אופן קייזערין געוואָרען... נאָר פונדעסטוועגען איז זי דאָך געוועזען פון אַ שענער פאַמיליע... זעה, דו זאָלסט נישט שפּיעלען די ראָלע פון נאַפּאָלעאָנ׳ען..

—אָ, וועגען דעם קענסטו זיכער זיין,—האָט סערוויני אַ מורמעל געטהון,—איך בין נישט קיין שוטה און נישט קיין קייזער... און מען מוז זיין אָדער אַ שוטה אָדער אַ קייזער. אז מען זאָל קאָנען טהון אזאַ זינלאָזע זאַך... זאָג, דו ווילסט שלאָפען?

—ניין, כלל נישט.

—ווילסט, וועלען מיר זיך איבערגעהן אויפ׳ן ברעג פון טייך?

—מיט פערגעניגען.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון גאַרטען און זיך געלאָזט אַראָב דורכ׳ן טייך צו מארלי-צו.

עס איז געוועזען די סאַמע פריהסטע און רוהיגסטע שטונדע פון דער גאַנצער נאַכט. יענע שטונדע, ווען די צייט רוקט זיך שוין צו

געהענטער צו טאָג און שלאָפט מיט אַ טיפען פעסטען שלאָף. איצט איז אַלץ ארום שוין גאָר שטיל געוואָרען. אפילו די ווענ׳גער שוואַכע נאַכט־שטימען זענען אויך פערשטומט געוואָרען, די נאַכטיגאַלען האָבען שוין מעהר נישט געזונגען צווישען די בוימער; די פרעש האָבען אויך געענדיגט זייערע קאָנצערטען. נאָר ערגעץ אין דער־ווייטען האָט אַן׳אונבעקאַנטע חיה, און אפשר אַ פויגעל, געלאָזט הערען שוואַכע מאָנאָטאָנע קלאַנגען, אַזוי ווי אַ סקריפּ פון אַ זעג, גלייכע און רעגעלמעסיגע, אַזוי ווי דער מעחאַניזם פון אַ מאַשין.

סעוויני, ווי אַ מענש מיט אַ נשמה פון אַן׳אמת׳ען פילאָזאָף, איז געווען איבגאַנצען איבערגעגעבען זיינע געדאַנקען, און פלוצלונג האָט ער געזאָגט:

—דו ווייסט, איוועטא האָט דאָך מיר גאָר דעם קאָפּ פערדרעהט און מיר מיין רוה געשטערט! אין אריטמעטיק איז אַ כלל, אַז איינס און איינס איז צוויי, און אין ליעבע האָט איינס און איינס פונדעסטוועגען בעדאַרפט ווערען איינס, איין גאַנצעס. נאָר, לײַדער, ווערט דאָך צוויי. איך ווייס נישט, צו פערשטעהסטו מיך? צו האָסטו שוין אַמאָל געהאַט דעם פערלאַנג איינצוויגקען זיך אין דער נשמה פון אַ פרוי, פערשוואונדען ווערען אין איהר, צונויפגיסען זיך צוזאַמען אין איין וועזען? איך רעד נישט פון יענער ליידענשאַפט פון בעזיצען דעם קערפער, וואָס אַלע חיות פיהלען. איך רעד פון יענעם מאָראַלישען פיין, פון יענער גייסטיגער שטימונג וועגען פעראייניגען זיך מיט אַ צווייט וועזען, עפענען פאַר איהם דיין גאַנצע נשמה, דיין גאַנץ האַרץ און קלאָר לייענען זיינע געדאַנקען ביז דער גרעסטער טיעפעניש. און אין אמת׳ן געלינגט דאָך קיינמאָל, קיינמאָל נישט צו דערקענען גאַנץ גענוי אַ צווייט וועזען, אויסצופאָרשען זיינע אַלע פערלאַנגען, זיינע אַלע געדאַנקען און געפיהלען! מען קען קיינמאָל נישט דערגעהן אפילו אַ טייל פון דאָס אונבעקאַנטע, וואָס ליגט בעהאַלטען אין יעדער נשמה, וואָס איז אונז נאָהנט! מען קען נישט דערגעהן דאָס, וואָס איז בעהאַלטען הינטער די קלאָרע, ווי קריסטאָל,

דורכזיכטיגע אויגען... און די דאָזיגע אויגען קוקען אזוי אָפט קלאָר און אָפען, אז מען קאָן מיינען, דאָס הינטער זיי ליעגט גאָרנישט בעהאַלטען... און צייטענווייז גלויבט מען, אז דאָס דאָזיגע געווינשטע וועזען ניעט זיך ווירקליך איגאַנצען אָב, אז פון די פייכטע פורפור־רויטע ליפּעלעך פליהען אַרויס אַלע געדאַנקען, וואָס ווערען געבוירען אין דעם דאָזיגען קליינעם, טייערען קעפּעל... נאָר אין אמת'ען בלייבט דאָס דאָזיגע געליעבטע וועזען נאָך אַלץ אזוי ווייט און פערשטעלט, אזוי ווייט, ווי אָט די שטערען זענען, און אפשר נאָך ווייטער. ווי מערקווירדיג דאָס איז, נישט אמת?

— איך פאָדער נישט דאָס אַלץ, — האָט סאַוואַל געענטפערט. — איך וויל גאָרנישט אַריינקוקען אין די נשמה. מיך אינטערעסירט די שיידעל גופא פון דער פרוי, און נישט דאָס, וואָס טהוט זיך אינוועניג.

— יאָ, איוועטע איז גאָר נישט קיין געוועהנליכע בעשעפעניש, — האָט סערווינו אַ מורמעל געטהון. — ווי וועט זי זיך דאָס מאָרגען בעגעגענען מיט מיר?

דער הימעל האָט אָנגעהויבען בלאַסער ווערען, ווען זיי זענען אין מארלי אָנגעקומען.

אין די היהנער־שטייגען האָבען די העהנער שוין אָנגעהויבען קרעהען, און זייערע שטימען האָבען זיך דורך די ווענד נישט גאַנץ קלאָר געהערט. ליִנקס אין פּאַרק האָט געציוויטשעט עפּעס אַ קליין פויגעל, וואָס האָט אָהן אויפהער ווידערהאָלט אַלץ איין און דעם זעלבען, לעבערליך אײַנפּאַכען און נאַאיווען ריטורנעל.

— צייט אַ היים צו געהן, — האָט סאַוואַל געזאָגט.

און זיי זענען צוריקגעגאַנגען. דער האָריזאָנט איז שוין גאָר ראָזיג געוואָרען, ווען סערווינו האָט פערמאַכט דאָס אָפען געבליבענע פענסטער פון זיין צימער.

ער האָט אַראָבגעלאָזט די שטאָרען, פעררוקט די שווערע פאָרהיינגען, זיך אויסגעטהון, זיך געלעגט און ענדליך איינגעשלאָפען.

אין שלאף האט זיך איהם געחלומ'ט איוועטע און ער האט אין שלאף גערעדט פון איהר.

א מאדנער גערויש האט סערוויני'ן אויפגעוועקט. ער האט זיך געזעצט אויפ'ן בעט, זיך צוגעהערט, נאר גארנישט דערהערט. דערנאך האט פלוצלונג עפעס א שאט געטהון אין די שויבען פון זיין פענסטער, אזוי ווי א האגעל.

סערוויני איז אויפגעשפרונגען פון בעט, צוגעלאפען צו'ם פענסטער, אויפגעהויבען דעם שטאר און דערזעהן איוועטע'ן אין דער אלעע זי האט געקוקט צו איהם גלייך אין פענסטער און מיט פולע הויפענס אין איהם זאמד געווארפען

דאס יונגע מעדעל איז אינגאנצען געוועזן ראזע נעקלייד[ט] און אויפ'ן קאפ האט זי געטראגען א ברייטראנדיגען, שטרויענעם הוט מיט א גרויסען שטרויס-פעדער. זי האט שטיפעריש געלאכט מיט איהר פרעהליכען, ארויספאדערענדען געלעכטער און הויך אויסגעשריען:

— ע, מוסקאד! צי דען שלאפט איהר נאך אלץ? אינטערעסאנט צו וויסען, וואס האט איהר אזוינס געטהון ביינאכט, אויב איהר שלאפט נאך אזוי שפעט? ארימער מוסקאד, איהר זענט געווים געגאנגען אוואנטורען זוכען!

סערוויני איז נאך נישט געוועזן אין גאנצען אויפגעוואכט; ער איז געוועזן פערבלענדעט פון דעם העלען שיין פון טאג, וואס האט זיך מיט א מאל צו איהם אריינגעריסען און גלייכצייטיג איז ער געוועזן ערשטוינט פון דער שפאטישער רוהיגקייט פונ'ם יונגען מעדעל.

— איך קום באלד, מאמזעל, באלד, — האט ער איהר אנגעשריען — איך וועל מיך נאר אבשווענקען מיט קאלט וואסער און קום אויגענבליקליך אראב צו אייך.

— אבער איילט זיך צו! דער זייגער איז איצט צעהן, — האט איהם איוועטע ווידער ארויפגעשריען. — און איך מוז אייך נאך מיטטיילען עפעס זעהר וויכטיגעס און בעווייזען זיך צונויפצורעדען מיט אייד... פערגעסט נישט, אז מיר פריהשטיקען פונקט אום עלף!

סערוויני האט דאס מעדעל געפונען אין גארטען אויף א באנק. זי איז געזעסען מיט א בוך אין האנד, געווים מיט עפעס א ראמאן, נאר ווי זי האט איהם דערזעהן איז זי גלייך אויפגעשטאנען, איהם פריינדליך אונטער'ן האנד גענומען און איהם אוועקגעפיהרט ווייט אין גארטען. זי האט זיך געהאלטען אזוי איינפאך, פרעהליך און ליעבליך, אזוי ווי צווישען זיי וואלט עבטען גארנישט געשעהן.

— די מעשה דערפון איז אזוי, — האט איוועטע אנגעהויבען, — איך האב בעשלאסען אייד צו בעטען, איהר זאלט מיט מיר געהן אין גרענולער. די מאמא טאר וועגען דעם נישט וויסען, זי ערלויבט מיר נישט צו געהן אהין. און איך וויל אונבעדינגט אלץ זעהן... די מאמא זאגט, אז אנשטענדיגע פרויען געהען נישט אין אזעלכע ערטער. נאר מיר איז לחלוטין אלץ איינס, וואו מען מעג און וואו מען טאר נישט זיין; איהר וועט מיט מיר געהן אהין, אמת, מוסקאד, און מיר וועלען א לעב טהון!

פון איהר האט געשמעקט עפעס וואונדערבאר אנגענעהמעס, נאר וואס האט סערוויני נישט געקאנט גענוי פערשטעהן. דער דאזיגער ריח איז גאר נישט געווען עהנליך צו די שטארקע זיסליכע פערפומען פון איהר מוטער, דאס איז געווען עפעס וואונדערבאר לייכטעס, ערפרישענדעס, א געמיש פון אירים מיט ווערוועגע.

וואס שמעקט אייגענטליך ביי איהר? — האט זיך סערוויני געפרעגט, — דאס קלייד, די האר אדער איהר הויט גופא? און איוועטע האט אין דער צייט אזוי נאהנט צו איהם אין פנים גערעדט, אז ער האט איינגעטעמט איהר אטעם און זיך בעטרונקען מיט איהר פרישקייט. דאן האט ער בעשלאסען, אז זי פערפומירט זיך גאר נישט, אז איהר קערפער אליין שמעקט אזוי געשמאק, איהר יוגענד, איהר שענהייט, און אז ער האט א טעות געהאט, ווען ער האט גערעכענט צו געפינען א ארא מאט פון בלומען אין דעם דאזיגען ריח.

— הייסט עס, דאס איז בעשלאסען, אמת, מוסקאד? — האט איוועטע גערעדט. — נאך פריהשטיק וועט נאטירליך זיין היים און די מאמא וועט זיך אין קיין פאל נישט בעשליעסען ארויס-

געהן אויף די לופט. זעהר שנעל ווערט זי פויל ווען עס איז היים. מיר וועלען זי לאָזען מיט אייער פריינד, און מיר ביידע וועלען אוועק. מיר וועלען זאָגען, אַז מיר געהען אין וואַלד אַח, ווען איהר וואָלט געוואוסט, ווי מיר ווילט זיך זעהן גרענולער ווי מעגליך שנעלער!

זיי זענען צוגעקומען ביז צו דער סאַמע סענע און געבליבען שטעהן ביים צוים פון גאָרטען, — דאָס איינגעשלאָפענע וואַסער פון טייך האָט געגלאַנצט אונטער דער זון. אַ לייכטער נעבעל האָט זיך אויפגעהויבען, אַ סימן אויף אַ גרויסע היץ. און זיך געצויגען איבער דער לענג פון טייך, ווי אַ ווייטער בלוילִיכער רויך. פון צייט צו צייט זענען פאַר זיי פערביי געשוואוּמען אַלערליי מעגליכע שיפלעך, קליינע און גרויסע, לייכטע. פלינקע און שווערע אונגעשיקטע. פון דער ווייטען האָבען זיך געהערט שאַרפע פייפערייען פון די לאָקאָמאָטיווען, ווייל זונטאָג געהען צוגען כמעט יעדע מינוט, דען די גאַנצע שטאָדטישע בעפעלקערונג וואַנדערט אַריבער אין די אומגעגענדען, כדי צו חאַפּען פרישע לופט. אויך האָט מען געהערט די פייפערייען פון דאַמפּשיפען, וואָס האָבען פערצווייפעלט געריטשעט, צוקומענדיג צו מאַרלי.

אין גאָרטען האָט זיך דערהערט אַ קלונג פון אַ נישט גרויסען גלאָק. דאָס האָט מען צו פריהשטיק געקלונגען. סערוויני און איוועטע זענען שנעל אהיים געגאַנגען.

דער פריהשטיק איז פערביי גאָר נישט לעבהאַפט. אַלע האָבען מעהרסטענטיילס געשוויגען. די היץ פון יולי-טאָג האָט אַזוי ווי אַלץ דערשטיקט, פאַראַליזירט אי דעם קערפּער אי דעם גייסט. די ווערטער זענען פויל פון מויל געקראָכען און אַלע האָבען קוים מיט די קעפּ אומגעדרעהט און די ליפּען בעוועגט; די לופט אַליין איז געוואָרען אַזוי ווי געדיכט און שטייף, און דאַדורך איז יעדע בעוועגונג אָנגעקומען מיט גרויס מיה.

איוועטע האָט אויך געשוויגען, נאָר זי איז געווען די איינציגע, וואָס די היץ האָט איהר נישט געאַהרט, און זי איז קוים איינגעזעסען אויף איין אָרט, וואַרטענדיג אונגעדולדיג, ווען דער פריהשטיק וועט זיך ענדיגען

— אפשר זאָלען מיר געהן שפּאַציִרען אין וואלד? — האָט זי געזאָגט נאָכ'ן דעסערט. — איצט מוז דאָרט זיין זעהר אנגענעהם אין שאָטען פון די בוימער.

— נישט אנדערש דו ביזט פון זינען אראָפּ, — האָט שמאַכטענד די מאַרקיזע שטיל געזאָגט, — צי דען איז מעגליך צו געהן שפּאַציִרען אין אזא היץ?

דאָס יונגע מערעל איז אריין אין התפּעלות.

— וואָס איז, — האָט זי אויסגעשריִען, — זאָל דער באַראָן בלייבען מיט דיר, כדי דיר זאָל נישט זיין לאַנגווײַליג, און איך מיט מוסקאַד'ן וועלען מיר זיך לאָזען אין וואלד. אויפ'ן סאמע בארג, וועלען מיר זיך זעצען אויפ'ן גראָז און וועלען לייענען...

און זי האָט זיך אומגעדרעהט צו סערוויני און געפרעגט:

— איהר ווילט דאָך, יאָ?

— איך בין גרייט אייך צו דינען, מאַמזעל, — האָט ער געענטפערט.

איזועטע איז געלאָפען אנטהון איהר הוט.

— זי איז ווירקליך נישט ביי'ם קלאָרען זינען, — האָט די מאַרקיזע דורכגעזיפצט דורך די צייהן, א קוועטש געטהון מיט די אקסלען און אויסגעשטרעקט צו'ם באַראָן איהר שענע בלאסע האנד מיט א פערליבטער, נאָר פוילער און מידער בעוועגונג. סאַוואַל האָט א קוש געטהון איהרע פינגער מיט א לאַנגען דאנק־בארען קוש.

אין א מינוט ארום האָט סערוויני און איזועטע זיך שוין אין וועג געלאָזען. צו'ם אנהויב זענען זיי געגאַנגען מיט'ן טייך, נאָר דערנאָך זענען זיי אריבער דורכ'ן בריק אויף די אינזעל און זיך געזעצט אויפ'ן גראָז, ביי'ם סאמע ברעג, אונטער'ן שאָטען פון טרויערענדע ווייַדען; אויף צו געהן אין גרענולער איז נאָך געווען צו פריה.

— נו, מוסקאַד, נעהמט זיך צו'ם לייענען, — האָט דאָס יונגע מערעל לאַכענדיג געזאָגט און ארויסגענומען א בוך פון קעשענע.

ער איז שיער נישט אנטלאָפען וואו פעפער וואַקסט.

— האט רחמנות אויף מיר, מאמיעל איוועטע, איך קאן גאר נישט לייענען.

נו, נו, ביטע, אהן א שום תירוצים און אויסרעדענישען, — האט זי איהם שטרענג איבערגעשלאגען. — איהר זענט א־יך א שענער מענש... „אלץ פאר גארנישט“, אמת דאס איז אייער דעוויז?

ער האט גענומען דאס בוך, עס געעפענט און איז געבליבען ווי פערשטיינערט פאר פערוואונדערונג: דאס איז געוועז א עקאנאמישער טראקטאט וועגען מוראשקעס פון עפעס א ענגלישען געלעהרטען.

— נו, פארוואס לייענט איהר נישט? הויבט אן! — האט איוועטע בעפוילען אונגעדולדיג, ווי זי האט דערזעהן, אז ער זיצט נאך אלץ אזוי אומבעוועגליך. און סערוויני האט געקלערט, אז זי האט איהם אומזיסטע געגעבען דאס דאזיגע בוך, כדי זיך אויסצולאכען פון איהם.

— איהר האט זיך געוויס מיט עמיצען געוועט, אז איהר וועט דורכלייענען דאס דאזיגע ווערק? — האט ער געפרעגט.

— איהר האט א גרויסען טעות, מיין ליבער, איך האב עס אליין געקויפט אין א ביכהאנדלונג; מען האט מיר געזאגט, אז דאס איז די בעסטע בעשרייבונג פון לעבען פון מוראשקעס און איך האב בעשלאסען דאס אויפמערקזאם דורכצולייענען ערגיץ אין וואלד, כדי איך זאל קאנען בשעת מעשה אכטונג געבען אויף די בעוועגונגען פון דער דאזיגער קליינער אינטערעסאנטער היהלע, זעהן, ווי דאס לויפט ארום אין גראז און וואס עס טהוט. לייענט.

זי האט זיך אויסגעצויגען ווי לאנג זי איז, מיט'ן פנים צו דער ערד, און קיין אויג נישט אראבגענומען פון גראז. וועהרענד זי האט אונטערגעשפארט דעם קאפ מיט ביידע הענד.

סערוויני האט זיך גענומען צום לייענען:

די מענשען-ענהליכע מאלפעס זענען אהן צווייפעל נעהנטער פון אלע חיות צו'ם מענשען לויט זייער אנאטאמישער געביידע. נאר אויב איהר וועט זיך צוקוקען צו די זיטען פון די

מיראַשקעס, וועט איהר געוויס קומען צו'ם בעשלוס, אז זיי האָבען פולע רעכטע צו שטעהן מיט די מענשען כמעט אויף דער זעלבער ענטוויקלונגס־שטופע; טהוט אַ קוק, ווי זיי לעבען, אין בעזונדערע געזעלשאַפטען, זעהט די רעגעלמעסיגע אָרגאַניזאַציע פון זייער קאָמונע, די הייזער און וועגען וואָס זיי בויען אויס, זעהט, ווי זיי ווייסען ווי אויסצודרעסירען אַנדערע אינזעקטען צו אַרבייטען פאַר זיי און מאַכען זיי זאָגאַר פאַר זייערע קנעכט".

סערוויני האָט ווייטער געלייענט מיט אַ מאָנאָטאָנער שטימע, נאָר פון צייט צו צייט איז ער געבליבען שטעהן און געפרעגט:

— אפשר זאָל שוין זיין גענוג?

איוועטע האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און פערלאַנגט, ער זאָל ווייטער לייענען; זי האָט אין גראָז געפינען אַ מוראַשקע, האָט זי עס אַרויסגעריסען צוזאַמען מיט'ן גרעזעל און איצט האָט זי געצוואונגען די מוראַשקע צו לויפען הין און צוריק אויף דעם דאָזיגען גרעזעל, און יעדעס מאָל, ווען דער קלייגער אינזעקט איז שוין צוגעקראָכען ביז צו אַ עק, האָט זי דאָס גרעזעל איבערגעקעהרט. דאָס יונגע מעדעל האָט זעהר אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלע פּרטים פון דעם ערשטוינליכען לעבען פון די דאָזיגע קליינע אינזעקטען; עס האָט איהר זעהר פעראינטערעסירט די בעשרייבונג פון זייערע אונטערערדישע וואָהנונגען און די ערקלערונגען, ווי זיי לאָזען אויסוואַקסען, ערציהען און ערנעהרען ווערעמלעך, כדי זיי זאָלען דערנאָך אַליין קאָנען זיך ערנעהרען מיט דער זיסליכער פליסיגקייט, וואָס די ווערעמלעך לאָזען אַרויס, פונקט ווי מיר מעגשען ערציהען קיה, כדי צו געניעסען זייער מילך. זי האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער בעשרייבונג, ווי די מוראַשקעס דרעסירען אויס קליינע בלינדע אינזעקטען און צווינגען זיי צו ריינינגען זייערע הייזער, ווי זיי געהען אויף מלחמות און ברענגען זיך שקלאַפען, און די דאָזיגע שקלאַפען דינען זיי דערנאָך אַזוי אונטערטעניג און באַלעווען זיי אַזוי, אז די מיראַשקעס געוואוינען זיך אָב פון צו עסען אַליין, נאָר זייערע שקלאַפען קאָרמענען זיי.

די אַלע ערצעהלונגען האָבען אין איוועטע'ן ערוועקט אַ גע־

פֿיהל פֿון מוטערליכער צערטליכקייט צו דעם ראָזיגען קליינעם נאָר אַזוי קלוגען אינזעקט; זי האָט מיט ריהרונג געקוקט, ווי די מוראַשקע קריכט הין און צוריק איבער'ן גרעזעל און איהר האָט זיך פֿערוואָלט זי אַ קוש טהון.

און סערווינזי האָט אַלץ ווייטער און ווייטער געלייענט וועגען דעם לעבען פֿון די מוראַשקעס, ווי זיי שפּיעלען זיך, ווי זיי פֿעכטען מיט איינאַנדער אויסצופּרובען זייער געשיקטהייט און קראַפֿט; פֿון גרויס התפּעלות האָט זיך דאָס יונגע מערעל איינגעבויגען אַ קוש צו טהון די מוראַשקע, נאָר זי האָט זיך פֿון איהרע הענד אַרויסגעריסען און אָנגעהויבען לויפֿען איבער איהר געזיכט. דאַן האָט איוועטע שאַרף אַ געשריי געטהון, אַזוי ווי זי וואָלט געשטאַנען אין אַ געפֿאַהר פֿון טויט, און אָנגעהויבען אין פֿערצווייפֿלונג זיך צו פּאַטשען מיט די הענד אין געזיכט, כּדי אַראָבצוּיאָגען דעם אינזעקט. סערווינזי האָט געלאַכט ווי אונזיניג, ער האָט געכאַפּט די מוראַשקע שוין כמעט אין איוועטע'ס האָר, און ווען ער האָט זי אַראָבגענומען האָט ער דאָס יונגע מערעל ליידענשאַפֿטליך אַ קוש געטהון אין שטערען. איוועטע האָט זיך נישט אָבגערוקט.

— פֿון דעסטוועגען איז דאָס אינטערעסאַנטער ווי אַ ראָמאַן! — האָט זי געזאָגט אויפֿשטעהענדיג. — איצט וועלען מיר געהן אין גרענולער.

זיי זענען דערגאַנגען ביז צו יענעם טייל פֿון אינזעל, וואו עס הויבט זיך אָן אַ פּאַרק פֿון הויכע שאָטענדיגע בוימער. אויפֿ'ן ברעג פֿון טייך האָבען ערטערווייז פּאָרלעך שפּאַציערט און אויפֿ'ן וואַסער איז געשוואומען אַ מאַסע שיפֿלעך. דאָס זענען אַלץ געוועזען מערלעך פֿון לייכטזיניגער אויפֿפֿיהרונג מיט זייערע קאַוואַלערען, אָדער דיענסטען מיט זייערע געליבטע; די מאַנסלייט זענען געגאַנגען אָהן סורדוטען, נאָר אין די וועסטען, מיט די צילינדערס פֿעררוקט אויפֿ'ן נאַקען, און זייער גאַנג איז געווען מיעד און וואַקעלדיג; עס זענען דאָ אויך געווען בכבודיגע בירגער-פֿאַמיליען, זייערע אויסגעפּוצטע פֿרויען און אַ מענגע קינדער, וואָס האָבען

ווי קליינע הינערלעך ארומגערינגעלט זייערע עלטערן פון אלע זייטען.

אין דער לופט איז געשטאנען א געטומעל פון שטימען, עס האט זיך געהערט עפעס א איינגעהאלטענער גערויש, וואס איז צוגעקומען אלץ נעהענטער; דאס איז צוגעשוואומען דער פון אלעמען בעליעבטער שווימענדער רעסטאראן גרענולער.

ענדליך האט איוועטע דערזעהן א ריזיגע בארקע מיט א דאך. אויפ'ן דעק זענען געווען אויסגעשטעלט טישלעך און ביי זיי זענען געזעסען א מענגע האלב-שיכורע פרויען און מענער; זיי האבען אלע געשריען, געזונגען, פיעל האבען זאגאר געטאנצט אונטער די טענער פון א פאלשען און צעבראכענעם פארטעפיאנא.

צווישען די טישלעך זענען ארומגעגאנגען געלע מעדלעך מיט א זעהר בולט'ען ביוסט און נישט ווענינער בולט'ן הינטען. זיי האבען זיך צו אלעמען צוגעטשעפעט, געקוויטשעט, הויך געלאכט און זיך געזידעלט מיט די אונאנשטענדיגסטע ווערטער.

ביי פיעל טישען זענען געזעסע האלב-נאקעטע מאנסלייט אין געשטריקטע לייבלעך אהן ארבעל און אין קורצע לייוועטענע הויזען, מיט קאלירטע היטעלעך אויף די קעפ, אזעלכע היטעלעך, ווי די זשאקייען טראגען.

אין דער דאזיגער גאנצער קאמפאניע האט מען שרעקליך געפיהלט שווייס, שלעכטען רייס-פודער און אנדערע מיאוסע זאכען.

ביי די טישלעך האבען זיך כמעט אלע אנגעשיכורט, געשריען, זיך זינענלאז געזידעלט, פערגאסען ווייסע, רויטע, געלע און גרינע ליקערען, געבראכען כלים און זיך בעמיהט אנצומאכען וואס מעהר געפילדער, ווייל דאס גראד איז ביי זיי געווען דער עיקר שמחה.

פון ציים צו צייט האט איינער פון די, וואס האבען זיך ליעב צו באדען, זיך א ווארף געטהון פון דאך אין וואסער אריין און בעשפריצט אזוי ווי מיט א רעגען די אלע זיצענדע ארום די טישלעך ביי'ם ברעג פון דער בארקע, דאן האט מען איהם נאכ-

געשריגן קללות, אלע האבען ווילד געשריען, געלאכט און אנגעטהון מעשים.

און איבער'ן טייך זענען כסדר דורכגעפלויגען לייכטע שיפעלעך. די רודערער האבען זיך איבערגעיאגט איינער דעם אנדערען, זיך אנגעלעגט אויף די רודערס, די מוסקולען פון זייערע נאקעטע הענד זענען ווי אנגעשוואלען פון אנשטרענגונג, די געזיכטער זענען רויט געווארען פון זון. די דאמען זייערע, אלע אין בלויע אדער רויטע פלאנעלענע-קליידער, זענען געזעסען אויפ'ן שטייעררודער, בעקוועם אויסגעלעגט אין אינבעוועגליכע פאזען. זיי זענען אלע געוועזען אהן היט און האבען זיך בעשיצט פון דער זון מיט בלויע אדער רויטע שירעמס לויט דעם קאליר פון זייערע קליידער.

אויסער די דאזיגע פלינקע שיפעלעך זענען אויך געוועזען גרויסע שווערע שיפלעך, אנגעלאדען מיט א מענגע מענשען. עפעס א גימנאזיסט, וואס האט זיך שטארק צעלאזט אין זיין שמחה, זיצענדיג איינער אליין אין א קליין שיפעל, האט ער זיך בעמיהט ארויסצווייזען, ווי קונציג ער קאן רודערען, און האט אויפגעהויבען די רודערס אזוי ווי די פליגעל פון א ווינדמיהל. ער האט זיך כסדר פערטשעפעט אין אנדערע שיפלעך, זיך אויף אלעמען אנגעשטויסען און ערוועקט א שטורם פון זידלערייען און קללות. סוף כל סוף האט ער שיער נישט דערטרונקען צוויי שווימער, און דאן האט זיך אויף איהם א שאט געטהון זידלערייען שוין פון דער גאנצער מאסע מענשען אי פון ברעג אי פון רעסטאראן.

העכסט ענטציקט איז איוועטע ארומגעגאנגען צווישען דער דאזיגער מאסע געארעמט מיט סערוויני'ן, און ווי עס ווייזט אויס איז זי געוועזען גאנץ גליקליך אין דער דאזיגער סביבה. איהר האט גארנישט געאהרט, וואס מען האט זי געשטויסען און זי האט מיט רוהיגער נייגיעריגקייט בעטראכט די פרויען און די מאנספיט.

— מהוט נאר א קוק אט אויף די, מוסקאד! וואס פאר א

שענע האר זי האט! דא איז זיי אלעמען ווייזט אוים זעהר פרעהליך!

א מוזיקאנט האט אנגעהויבען שפיעלען א וואלץ: ער איז אויך געווען געקלייידט אין א באד-קאסטיום און מיט א ריעזיגען שטרויענעם הוט, וואס האט אויסגעזעהן ווי א איבערגעקעהרטער גיגאנטישער שירעם. דאן האט איוועטע פלוצלונג אנגעהאפט איהר קאוואלער פאר דער האנד און זיך אנגעהויבען ווילד צו דרעהען צוזאמען מיט דער גאנצער איבעריגער מאסע. זיי האבען אזוי לאנג און אזוי אונערמידליך געטאנצט, ביז אלע זענען געווארען אויפמערקזאם אויף זיי. אין רעסטאראן איז דער גאנצער עולם ארויפגעקראכען אויף די טישלעך און צוגעקלאפט מיט די פיס צו׳ם טאקט; אנדערע האבען געקלונגען צו׳ם טאקט מיט די גלעזער. דער מוזיקאנט האט זיך אזוי ווי פון א קייט ארויסגעריסען, — ער האט מיט׳ן גאנצען כח געקלאפט אויף די ביינערנע קלאווישען, צוגעשפרונגען צו׳ם טאקט מיט׳ן גאנצען קערפער, און דערביי האט ער געטרייסעלט אין די זייטען דעם קאפ מיט דעם ריעזיגען שטרוי-הוט.

ענדליך האט ער אבגעהאקט דאס שפיעלען און האט זיך אהן כח׳ת ארויסגעגליטשט פון שטוהל אויף דער ערד, אזוי ווי ער וואלט געשטארבען פון מידקייט. פונ׳ם שטוים איז דער הוט אראבגעפאהרען פון קאפ און בעדעקט זיין גאנצען קערפער. עס האט אויסגעבראכען א פרעהליכער, אונאיינגעהאלטענער געלעכטער און אלע האבען הויך אפלאדירט.

צו׳ם אומגעפאלענעם האבען זיך א לאז געטהון פיער מענשען, אזוי ווי מיט זיהם וואלט א אונגליק געשעהן; זיי האבען איהם אויפגעהויבען פאר די הענד און פיס, און אנשטאט א צודעק האבען זיי איהם אויפ׳ן בויך דעם הוט ארויפגעלעגט.

עמיץ א חוזק-מאכער האט אנגעהויבען זינגען „דע פראפינדיס" און נאך דעם כלומר׳שטען מת האט זיך געלאזט געהן א גאנצע לויה; די פראצעסיע איז אלץ גרעסער און גרעסער געווארען. ביסלעכווייז איז כמעט די גאנצע מאסע צוגעשטאנען צו דער דאזיגער פראצעסיע.

זיוועטע האט זיך אויך געלאזט געהן גלייך מיט אלעמען, זי איז גאר ווילד געווארען פון דער דאזיגער שמחה, פון טומעל און געלעכטער, זי האט אליין געלאכט גאנץ הויך, מיט אלעמען געשמועסט און געווען זעהר לוסטיג. יונגע לייט האבען איהר פערקוקט און געזיפט, זיך בעמיהט זי א דריק צו טהון, זי ווי ארומגעשמעקט און מיט די אויגען אויסגעטהון. סערוויני האט אויף אנ'אמת אנגעהויבען מורא האבען, אז דאס אלץ זאל זיך אמאל נישט ענדיגען מיט זעהר א מיאוס'ען סוף.

די פראצעסיע איז אלץ געגאנגען פארווערטס און פארווערטס, און אלע מאל מיט שנעלערע טריט. באלד האבען די, וואס האבען דעם מוזיקאנט געטראגען, אנגעהויבען לויפען, און די גאנצע מאסע האט זיך מיט א געשריי א לאז געטהון נאך זיי. זיי זענען אראב פון וועג גלייך צו'ם ברעג צו און פלוצלונג זענען זיי געבליבען שטעהן ביי'ם סאמע טייך, רעכט אנגעשאקעלט זייער קאלעגע און איהם אריינגעווארפען אין וואסער.

די גאנצע מאסע האט פריידיג א קוויטש געטהון ווי מיט איין קול, און דער אונגליקליכער מוזיקאנט האט זיך פערצווייפעלט געווארפען אין וואסער, געזידעלט, געהוסט, געשפיגען און אומזיסט זיך בעמיהט ארויסצוקריכען זיך אויפ'ן ברעג. זיין הוט האט דער שטראם אוועקגעטראגען, נאר גלייך האבען זיך שיפלעך געלאזט איהם נאכיאגען און באלד האט מען איהם געהאפט.

איוועטע איז פאר שמחה אונטערגעשפרונגען און פריידיג אין די הענד געפאטשט.

— א, מוסקאד, איך בין אזוי פרעהליך, איך בין אזוי פרעהליך! — האט זי וויעדערהאלט.

סערוויני האט זי ערנסט בעטראכט; ער איז געווען האלב ערשטוינט, האלב פערלעגען און אונצופריעדען דערפון, וואס זי פיהלט זיך אזוי גוט אין דער דאזיגער מיאוסער, צעלאזטער קאמפאניע. זיין אינסטינקט פון אנשטענדיגקייט איז ערצירנט געווארען געגען די אלע מיאוסע מעשים, יענער אינסטיקט, וואס צווינגט א מענשען פון א שעהנער פאמיליע און מיט א שעהנער ערציהונג שטענדיג צו בלייבען אין געוויסע גרענעצען, מעג ער ווי

לוסטיג זײַן, און דאַדורך פֿערשטעלט ער זיך פֿון בעריהרונגען און בעציהונגען, וואָס קאָנען איהם בעלײדיגען.

— עס דערקענט זיך פֿון היר, ווער דו ביזט, צו׳ם טײַוועל! — האָט סערווינ פֿערוואונדערט גערעדט צו זיך, קוקענדיג אויף איוועטע.

עס האָט זיך איהם פֿערוואָלט אָנהויבען צו רעדען מיט איהר דו, ווי מיט פּשוט׳ע גאַסען־פֿרויען. איצט האָט ער אין קײן זאַך זי נישט אונטערגעשײדט פֿון די געלע מעדלעך, וואָס זענען מאַסענווײַז געשטאַנען אַרום איהם און געשריען פֿערשיעדענע מיאוסע ווערטער מיט זײערע הײזעריגע שטימען. די דאָזיגע מיאוסע ווערטער זענען פּשוט געפֿלויגען פֿון מויל צו מויל, האָבען זיך אַרומגעדרעהט איבער דער דאָזיגער גראָבער מאַסע, ווי פֿליעגען דרעהען זיך אַרום איבער אַ בארג מיסט, און קײנער האָט זיך אויף זײ נישט געוואונדערט, קײנעם האָבען זײ נישט געאַהרט. אַפילו איוועטע אַלײן האָט זײ אַזוי ווי נישט בעמערקט.

— איך וויל זיך באָדען, מוסקאַד! — האָט זי ערקלערט. — מיר וועלען אַ רעכטען שווים טהון אין דער פֿרײַהײַט!

— גוט, — האָט ער געענטפֿערט, און זײ האָבען זיך צוזאַמען געלאָזט געהן אין קאַנטאָר פֿון די בעדלעך נאָך באָדקאָסטיומען. דאָס יונגע מעדעל האָט זיך די ערשטע אויסגעטהון און געוואַרט אויף סערווינ׳ן, וועהרענד זי איז געשטאַנען אויפ׳ן ברעג און געשמײכעלט צו אַלעמען, ווער עס האָט אויף איהר געקוקט. זײ זענען צוזאַמען אַרײַן אין וואַרימען וואַסער און באַלד אָנגעהויבען שווימען.

איוועטע איז געשוואומען לײַדענשאַפֿטליך, אַזוי ווי פֿערשיכורט, אײַנגעוויעגט פֿון די צערטליכקײַטען פֿון די וועלען; זי האָט אינגאַנצען אויפֿגעציטערט פֿון קערפּערליכען פֿערגניגען, און דרײַסט, שנעל איז זי געשוואומען פֿאָרווערטס, אַזוי ווי מיט יעדער בעוועגונג וואָלט זי זיך בעמיהט פֿון וואַסער אַרויסצושפּרינגען. סערווינ׳ן האָט אָטעם פֿערפֿעהלט. ער האָט קוים מיט מיה בעוויזען איהר נאָכצושווימען, און האָט אָנערקענט מיט צאָרן, אַז זי שווימט בעסער ווי ער. דאַן האָט זי זיך פּלוצלונג שאַרף אומגע-

דרעהט, זיך געלענט אויפֿ'ן רוקען, די הענר אויף דער ברוסט און אָנגעהויבען קוקען אין בלויען הימעל. סערווינו האָט גיעריג בעטראַכט די שענע ליניען פֿון איהר אויפֿ'ן וואַסער אויסגעצויגענעם קערפּער; דורך די דינע דורכגענעצטע מאַטעריע האָט ער קלאָר געזעהן איהר שטייפֿע מעדעלשע ברוסט מיט די דאָזיגע בולט'ע ציצען, געזעהן איהר זיך קוים-קוים הייבענרען בויך און די דינע שלאַנקע פֿיס, וואָס האָבען האַלב געשטעקט אין וואַסער, אַזוי אַז די מאַטע עקען פֿיס האָט ער כמעט נישט געזעהן.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי איזועטע האָט [illegible] אַזוי ארויסגעשטעלט איהר קערפּער, כדי איהם צו פֿערפֿיהרען, — אפשר שטימט זי איין זיך אָבצוגעבען, — האָט ער אַ קליער געטהון, — אָדער זי רייצט זיך ווידער מיט מיר, לאַכט זיך אויס פֿון מיר! קיינמאָל, דוכט זיך, האָט ער זי נישט בעגעהרט מיט אַזאַ נערוועזער אָנשטרענגונג און מיט אַזאַ ברענענדער ליידענשאַפֿט, ווי אין דעם אויגענבליק. פּלוצלונג האָט זי אַ קוק געטהון אויף איהם און זיך הויך צעלאַכט.

— ווי לעכערליך אייער געזיכט איז!

סערווינו האָט זיך בעלעדיגט און זיך צעבייזערט אויף דעם דאָזיגען שפּאַט: זי האָט שאַרף בעריהרט זיין זעלבסט-ליעבע און אין איהם האָט אָנגעהויבען קאָכען דער צאָרן פֿון אַנ'אויסגעלאַכטען פֿערליעבטען; דאַן האָט זיך איהם פֿון זיין זייט געוואָלט מיט עפּעס נוקם זיין זיך אָן איהר, בעלעדיגען זי, און זיך אָבגעבענדיג דעם דאָזיגען פֿערלאַנג האָט ער חוצפּה'דיג געפֿרעגט:

— איהר וואָלט איינגעשטימט צו פֿיהרען אַזאַ לעבען?

— וואָס פֿאַר אַ לעבען? — האָט איזועטע [illegible]

— נו גענוג שוין, לאַכט נישט פֿון מיר. איהר האָט גוט פֿערשטאַנען, וואָס איך האָב געמיינט.

— ערהענוואָרט, ניין!

— גענוג שוין די קאָמעדיע... ענטפֿערט גלייך, איהר ווילט צי ניין?

— איך פֿערשטעה אייך נישט.

— צו וואָס מאַכט איהר זיך פֿאַר אַזאַ נאַרעלע... דערצו-

נאָך האָב איך דאָך שוין נעכטען אָווענד אויך גערעדט מיט אייך וועגען דעם.

— וועגען וואָס איז דאָס געווען? איך האָב שוין פערגעסען!

— אז איך ליעב אייך.

— איהר?

— יאָ, איך.

— ווייס איך וואָס!

— איך שווער אייך!

— אויב איהר ליעבט, דאַרפט איהר דאָס בעווייזען,

— איך וואַרט טאַקי נישט מעהר ווי אויף דאָס.

— וואָס איז דאָס „דאָס"?

— דאָס, וואָס איך זאָל אייך בעווייזען מיין ליעבע!

— נו, טאָ בעווייזט!

— נעכטען אָווענד האָט איהר דאָס נישט געזאָגט

— געוויס, ווייל איהר האָט מיר גאָרנישט פאָרגעלעגט!

— וואָס רעדט איהר!...

— און אויסער דעם מוזט איהר זיך צוערשט ווענדען נישט צו מיר.

— א שענע געשיכטע! צו וועמען דען?

— נאַטירליך, צו דער מאמא.

מערווינ האָט זיך הויך צעלאַכט.

— צו אייער מוטער? נו זעהט איהר, דאָס איז שוין צו-פיעל!..

איהרע אויגען זענען מיט אמאל געוואָרען זעהר ערנסט, און וועהרענד זי האָט איהם גלייך אין די אויגען געקוקט האָט זי געזאָגט:

— הערט נאָר אויס, מוסקאַד, אויב איהר ליעבט מיך ווירקליך אזוי פיעל, אז איהר ווילט חתונה האָבען מיט מיר, מוזט איהר צוערשט רעדען מיט דער מאמא, און דאַן ערשט וועל איך אלמין אייך אויך ענטפערן.

ער האָט א קלער געטהון, אז זי לאַכט ווידער פון איהם און איז שוין נאָר ארויס פון זיך.

— מאַמזעל, איהר האַלט מיך געוויס פאַר אַנ׳אַנדערן.

י האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף איהם אַזוי שאַרף מיט איהרע העלע צערטעלענדע אויגען ; דאַן האָט זי זיך צעלאַכט און אַ מורמעל געטהון :

— איך ווייס נישט, איך פערשטעה אייך נאָך אַלץ נישט...

— נו נענוג, איוועטע, שוין צייט צו מאַכען אַ סוף מיט דער דאָזיגער נאַרישער קאָמעדיע, זי געדויערט שוין אַזוי אויך צו לאַנג ! — האָט סערוויני שנעל און שאַרף געזאָגט מיט עפּעס אַ בייזקייט און נישט גוטסקייט אין טאָן פון זיין שטימע. — פערשטעלט זיך נישט פאַר אַזאַ נאַאיוו, נאַריש מעדעלע, גלויבט מיר, די דאָזיגע ראָלע פּאַסט אייך גאָרנישט ! איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז אין דעם פאַל איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדען וועגען חתונה האָבען, נאָר ... ליעבע. איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך ליעב אייך, —און דאָס איז אמת, — איך קאָן אייך נאָך אַ מאָל ווידערהאָלען, אַז איך ליעב אייך. הערט שוין אויף זיך צו פערשטעלען, ווי איהר פערשטעהט מיך נישט און מאַכט מיך נישט צו'ם נאַרען.

זיי האָבען זיך געהאַלטען אויפ'ן וואַסער כמעט שטעהענדיג, איינער געגען אַנדערן, און נאָר פון צייט צו צייט האָבען זיי מיט די הענד אין וואַסער געפּאַטשט. איוועטע איז נאָך אייניגע אויגענ-בליקען געבליבען אונבעוועגליך, אַזוי ווי זי וואָלט נישט געוואָגט אַריינצודרינגען אין די טיעפקייט פון דעם אמת'ן זין פון די דאָזיגע ווערטער. דאַן איז זי פּלוצלונג רויט געוואָרען ביז די האָר-וואָרצלען. איהר גאַנץ געזיכט האָט אויפגעפלאַמט, און די אויערען זענען כמעט בלוי געוואָרען ; זי האָט קיין איין וואָרט נישט געזאָגט, זיך שאַרף אומגעדרעהט און מיט'ן גאַנצען כח גענומען שווימען צו'ם ברעג. סערוויני האָט זי נישט געקאָנט דעריאָגען, ער האָט זיך אָנגעשטרענגט, געאַרבייט מיט'ן גאַנצען כח. ער האָט אָבער געזעהן, אַז איוועטע שווימט אַוועק פון איהם אַלץ ווייטער און ווייטער.

דאַן האָט ער דערזעהן, ווי זי איז פון וואַסער אַרויס, אַרויפגעוואָרפען אויף זיך אַ ליילעך און זיך געלאָזט לויפען צו'ם געצעלט און קיין איין מאָל זיך נישט אומגעדרעהט.

ער האָט זיך זעהר לאַנג אָנגעקליידט, דען ער האָט נישט

געוואוסט וואָס צו טהון און וואָס צו רעדען. און די גאַנצע צייט האָט ער זיך געפרעגט ווי איז גלייכער צו טהון: איבערבעטען אָדער ווייטער פערלאַנגען דאָר יעלבע.

ווען סערוויני האָט זיך ענדליך אָנגעטהון און אַרויס פון געצעלט, איז שוין איוועטע פון לאַנג געהאַט אַוועק אַהיים און ער איז ווידער צוריקגעקומען איינער אַליין, פערוואָרגט, אונצופרידען, פערלעגען.

די מאַרקיזע האָט געשפּאַצירט אין גאָרטען געאָרעמט מיט סאַוואַלין.

ווי זי האָט דערזעהן סערוויני'ן האָט זי גלייכגילטיג צו איהם געזאָגט מיט דער זעלבער שטאַכטענדער, פייגער שטימע, ווי זי האָט געכטען גערעדט:

— נישט אומזיסט האָב איך אייך אָנגעזאָגט, אַז אין אַזאַ היץ איז נישט גוט אַרויסצוגעהן. איוועטע האָט בעקומען אַ היץ-קלאַפּ און זי איז זיך געגאַנגען לעגען שלאָפען. דאָס מעדעל האָט זיך נעבעך פערדוויטיגט און דער קאָפּ טהוט איהר שרעקליך וועה. איהר האָט געוויס געשפּאַצירט אויף דער זון אָדער נאָך אָבגעטהון עפּעס נאַרישקייטען, ווייס איך וואָס?... אויף מיין וואָרט, איהר זענט אַליין אויך נישט פיעל קליגער פון איהר!

דאָס יונגע מעדעל איז נישט אַראָבגעקומען אפילו צו מיטאָג, און ווען מען האָט איהר אַרויפגעשיקט עסען, האָט זי דורך דער טהיר געענטפערט, אַז זי וויל נישט עסען, אַז די טהיר איז פערשלאָסען און אַז זי בעט, מען זאָל זי לאָזען צורוה. די געסט זענען אַוועקגעפאָהרען מיט דעם צוג פון צעהן אוהר און צוגעזאָגט ווידער צו קומען דאָנערשטאָג, און די מאַרקיזע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי'ם אָפענעם פענסטער און זיך פערטיעפט אין איהרע טרוימען, וועהרענד זי האָט זיך צוגעהערט צו די ערוויי-טערטע טענער פונ'ם באַל-אָרקעסטער אין רעסטאָראַן גרענוליער, די פרעהליכע נאָטען פון די טענץ זענען פשוט ווי אַרומגעשפרונ-גען אין דער פייערליכער שטילקייט פון דער נאַכט-לופט.

די מאַרקיזע האָט די ליעבע געליעבט, אַזוי ווי ספּאָרט-לייט האָבען ליעב פערד, שווימען און אַנדערע ספּאָרטען. צייטענ-

ווייז פלעגט זי האבען אזעלכע אנפאלען פון צערטליכקייט, ווי עס
פאלט אן עפעס א שארפע קראנקהייט. די ליידענשאפט פלעגט
מיט א מאל אנפאלען אויף איהר, בעהערשען איהר גאנצען וועזען,
זי פון זינען אראבברענגען, זי צודריקען אדער אבלעבען. דאס
האט זיך געווענדעט פון דער אייגענשאפט גופא פון דער ליבע,
צי זי איז געווען א שטורמישע, א מיטרייסענדע אדער א סענטי-
מענטאלע.

די מארקיזע איז געווען איינע פון יענע פרויען, וואס זענען
אזוי ווי בעשאפען צו ליבען אדער צו זיין געליבט. זי האט
געשטאמט פון א זעהר נידריגער פאמיליע, און זי האט עס אליין
נישט בעמערקט, אז זי האט די ליבע פאר איהר פראפעסיע גע-
מאכט; די מארקיזע האט שטענדיג געווירקט אינסטינקטיוו, ווע-
רענדיג געפיהרט דורך איהר נאטירליכען חוש, און צוזאמען מיט
די קושען פלעגט זי צונעהמען געלד גאנץ נאטירליך. אינסטינק-
טיוו האט זי גוט פערשטאנען די מענשען, און דאדורך האט זי
פון זיך בעזייטיגט די שמוציגקייטען און אונאנגענעהמהייטען
פון וואגענדיגען לעבען. אין איהרע ארעמס זענען אויסגעווען
פיעל מענשען און צו פיעל פון די דאזיגע מאנסבילען האט זי נישט
געפיהלט קיין צערטליכקייט, נאר גלייכציטיג האט זי געהן א שוט
עקעל פערטראגען זייערע צערטליכקייטען.

זי האט די דאזיגע אומגעמוטיגען פערטראגען מיט א רוהיגער
גלייכגילטיגקייט, אזוי ווי מען פערטראגט אפט אין וועג זעהר
שלעכטע צוגעגרייטע שפייזען און מען עסט זיי אונבעקלאגענדיג
זיך, ווייל עפעס עסען מוז מען דאך. נאר פון צייט צו צייט איז
איהר גאנצער וועזען אויפגעפלאמט געווארען און דאן האט זי זיך
איינגאנצען אבגעגעבען איהר ליידענשאפט; דאס האט טיילמאל
געדויערט עטליכע וואכען, טיילמאל עטליכע מאנאטען, ווייל דאס
האט זיך געווענדעט אן די מאראלישע און פיזישע מעלות פון איהר
געליבטען.

דאס זענען געווען די שענסטע מינוטען אינ'ם לעבען פון
דער מארקיזע! זי האט געלעבט מיט איהר גאנצער נשמה, מיט
איהר גאנצען קערפער, מיט איינגעוועהנליכער היץ און לעבהאפ-

טיגקייט! זי האט זיך ארײנגעװארפען אין די דאזיגע ליעבע, װי מען װארפט זיך ארײן אין א טײך, װען מען װיל דערטרונקען װערען און מען שטעלט זיך נישט געגען שטראם. אינגאנצען פערשכירט און װילד פון ליעבע, איז די מארקיזע אין עקסטאז פון גליק גרייט געװעזען אפילו צו שטארבען, װען דאס װאלט נויטיג געװעזען; דערצו נאך האט זי זיך יעדעס מאל אײנגעבילדעט, אז ביז איצט האט זי נאך קײן מאל אזוינס נישט געפיהלט, און געװיס װאלט זי אין דער מינוט זעהר ערשטוינט געװארען, װען מען װאלט איהר דערמאהנט אלע די יעניגע, די פערשידענארטיגסטע מענער, װעלכע זי האט אויך אזוי געליעבט און װעגען װעלכע זי האט אויך אזוי װי איצט געטרוימט גאנצע נעכט, קוקענדיג אויף די ליכטיגע שטערען.

סאװאל האט זי פערשקלאפט, בעהערשט איהר גאנצען װעזען און זי האט געקלערט װעגען איהם, אײנגעװיעגט דורך די ערינערונגען פון אלעם, װאס איז געשעהן, בעפריעדיגט, גליקליך מיט איהר פאלשטענדיגען, גרענצלאזען גליק.

א ליכטער געריוש האט די מארקיזע געצװאונגען זיך אומצודרעהען. אין צימער איז ארײנגעקומען איװעטע. נאך אלץ געקליידעט אין איהר דאזיגער מארגען-קלייד, נאר איצט איז זי אינגאנצען געװעזען בלאס און איהרע אויגען האבען געברענט, װי עס טרעפט נאך א שטארקער מידקייט.

דאס יונגע מײדעל האט זיך אנגשפארט אן אפענעם פענסטער, גלײך געגען דער מוטער, און געזאגט צו איהר:

— איך דארף מיט דיר װעגען עפעס רעדען!

די מארקיזע האט פערװאונדערט אויף איהר טאכטער א קוק געטהון. זי האט זי געליעבט מיט מוטערליכען עגאאיזם, שטאלצירט מיט איהר שעהנהייט, װי מען שטאלצירט מיט רײכקייט, זי איז נאך אלײן געװעזען צו שען, אז זי זאל איהר קאנען מקנא זײן, און צו גלײכגילטיג, אז זי זאל קאנען האנדלען מיט איהר, װי מען האט פון איהר גערעדט, חאטש זי האט נאטירליך נישט געקאנט נישט אנערקענען דעם גאנצען װערט פון דער דאזיגער שעהנהייט.

— נו, זאג, מײן קינד, װאָס דו װילסט, איך הער, — האָט די מארקיזע געענטפערט.

איװעטע האָט זי דורכגענומען מיט איהר בליק, זי האָט זיך בעמיהט ארײנצוקוקען אין איהר נשמה און איפצופאנגען ביז די מינדעסטע שאטירונגען דעם גאנצען אײנדרוק, װאָס איהרע װערטער דארפען אויף איהר מוטער מאכען.

— אַזױ... הײנט איז פאָרגעקומען אַ זעהר װיכטיגע געשעהעניש!

— װאָס איז?

— דע סערוױני האָט זיך מיר אין ליעבע ערקלערט.

די מארקיזע האָט אונרוהיג געװארט אויף װײטערע ערקלערונגען, נאָר זעהענדיג, אז איװעטע שװײגט, האָט זי אליין געפרעגט:

— װי האָט ער עס דיר געזאָגט? דערצעהל מיר גענוי.

דאן האָט זיך דאָס יונגע מעדעל אראָבגעלאָזט דער מוטער צו די פיס, צערטליך איהר אָנגענומען פאר בײדע הענד און שטיל אײנגערוימט:

— ער האָט מיך געבעטען צו װערען זײן פרוי.

— סערוױני? אָבער דו האָסט געמוזט פון זינען אראָב!... — האָט זיך נישט װילענדיג ארויסגעריסען בײ מאדאם אָבארדי פון גרויס פערװאונדערונג.

איװעטע האָט קײן אויג נישט אראָבגענומען פון איהר מוטערס געזיכט, און װי זי האָט בעמערקט איהר פערװאונדערונג האָט זי זיך בעמיהט צו לײגנען איהרע געדאנקען.

— פארװאָס מײנסטו, אז איך בין פון זינען אראָב? — האָט זי ערנסט געפרעגט — פארװאָס װײזט זיך דיר אויס אונמעגליך, אז דע סערוױני זאָל װעלען חתונה האָבען מיט מיר?

— דו האָסט געװיס אַ טעות געהאט, עפּעס מוז דאָ זײן נישט גלאַט... — האָט די מארקיזע געטורמעלט פערלעגען. — דו האָסט פשוט נישט גוט געהערט אָדער נישט פערשטאנען; דע סערוױני איז צו רײך פאר דיר און ער איז צו... צו פיעל פאריזער פון דער נאטור, ער זאָל בכלל װעלען חתונה האָבען.

איװעטע איז פאטעליך אויפגעשטאנען.

— אָבער וואָס הייסט עס, מאַמאַ, ער זאָגט דאָך, אַז ער ליעבט מיך? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָב געמיינט, אַז דו קאָנסט שוין אַ ביסעל דאָס לעבען און ביזט אויף אַזוי פיעל ערפאַהרען, אַז דו וועסט זיך נישט איינבילדען אַזעלכע זאַכען, — האָט די מאַרקיזע זי איבערגעשלאָגען אונגעדולדיג. — סערוויני איז אַ לעבע־יונג און אַ עגאָאיסט. ער קאָן חתונה האָבען נאָר מיט אַ פרוי פון זיין קרייז און מיט זעהר אַ רייכער. אויב ער האָט דיר עפּעס פאָרגעלעגט, אַזוי הייסט עס, אַז ער וויל... אַז ער וויל...

די מאַרקיזע האָט זיך אויף איין אויגענבליק פערהאַקט; זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט קלערער אויסדריקען איהר געדאַנק און זי האָט שאַרף געזאָגט:

— לאָז מיך, איך בעט דיך, צורוה און געה שלאָפען!

דאָס יונגע מעדעל האָט זיך אַזוי ווי דערוואוסט אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט וויסען, און האָט אונטערטעניג געענטפערט:

— גוט, איך געה; אַ גוטע נאַכט, מאַמאַ!

זי האָט דער מוטער אַ קוש געטהון אין שטערען און זיך רוהיג געלאָזט צו דער טהיר. ווען זי איז שוין געווען ביי'ם סאַמע שוועל האָט די מאַרקיזע זי ווידער אַ רוף געטהון:

— וואָס מאַכסטו אין געזונד, וואָס איז מיט'ן קאָפּ?

— מיר האָט גאָר נישט וועה געטהון. איך בין נאָר אויפגערעגט געוואָרען פון דעם, וואָס איז געשעהן.

— מיר וועלען אַנ'אַנדערש מאָל וועגען דעם רעדען, — האָט די מאַרקיזע בעמערקט, — נאָר איך בעט דיך, בלייב נישט מיט איהם אַליין, אַפילו אַ קורצע צייט, און געדענק איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז ער וועט מיט דיר נישט חתונה האָבען און ער וויל דיך נאָר... קאָמפּראָמיטירען.

זי האָט בעסער נישט געקאָנט אויסדריקען איהר געדאַנק. איוועטע איז אַוועק צו זיך.

מאַדאַם אַבאַרדי האָט זיך פערטראַכט וועגען דאָס געשעהענע.

זי האָט שוין לאַנג געלעבט אין אַ אייביגען זיסען פערגעסען,

זיך און האט זארגפעלטיג אוועקגעטריבען פון זיך אלץ, וואס וואלט איהר אפילו אויף א צייט געקאנט מאכען פערזארגט אדער טרויערינג. זי האט זיך נאך קיין מאל נישט געפרעגט, וואס ערווארטעט איוועטען אין דער צוקונפט. זי האט איינגעפונען, אז וועגען דעם איז נאך צו פריה צו טראכטען, אז זי וועט שטענדיג ביזוויזען צו בעשליסען, ווען עס וועט זיך מאכען עפעס א שווערינקייט. דער חוש פון דער קורטיזאנע האט איהר איינגערומט, אז דאס יונגע מעדעל קאן נאר צופעליג חתונה האבען מיט א רייכען און ווירקליך אנשטענדיגען מענשען, נאר אויף אזא צופאל קאן מען נישט אויסרעכענען, אז אזא צופאל איז נאר א אויסנאהם, ווען די ליעבע פערבלענדעט אזוי די אויגען, אז קיסרים האבען חתונה מיט אוואנטוריסטינס. און די מארקיזע האט אויף אזא צופאל נישט געווארט. דערצו נאך איז זי געוועזען צופיעל בעשעפטיגט מיט איהרע אייגענע אינטערעסען, אז זי זאל האבען צייט צו קלערען וועגען איהר טאכטערס שיקזאל.

— איוועטע וועט וואהרשיינליך געהן אויף דעם זעלבען וועג ווי איך, — האט זי צו זיך געזאגט, — זי וועט לעבען פאר די ליעבע! — נאר די מארקיזע האט קיינמאל נישט געוואגט זיך דערביי צו פרעגען, ווען דאס וועט זיין און ווי אזוי וועט דאס אלץ געשעהן.

און איצט האט איוועטע אליין, אהן א שום פארבערייטונג, איהר פלוצלונג געשטעלט אזעלכע פראגען, וואס אויף זיי איז אונמעגליך געוועזן צו ענטפערן. די מארקיזע האט נישט געוואוסט, וואס זי זאל טהון און ווי זי זאל זיך האלטען אין אזא שווערער, דעליקאטער און אין אלע בעציהונגען געפעהרליכער אנגעלעגענהייט! דאס האט אנגערוהרט איהר געוויסען און דערייבער איז זי שטארק פערלעגען געווארען, נישט וויסענדיג, ווי זו בעגעהן זיך.

די מארקיזע האט געהאט א צו שארפען נאטירליכען חוש און צופיעל ערפאהרענהייט, אז זי זאל קאנען א טעות האבען אין טערוויניס פערלאנגען. נישט אומזיסט האט זי אזוי גוט אויסגעפארשט דעם דאזיגען סארט מענשען! אט דעריבער, ווי אי-

וועטע האָט נאָר אַרויסגערעדט די ערשטע ווערטער, האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען דער אויסשריי: „סערוויני? אָבער די האָסט געמוזט פון זינען אַראָב!“

— און צו וואָס טויג דאָס איהם, דעם דאָזיגען לעבע-יונג, וואָס ער בעמיהט זיך צו בעקומען איזוועטע'ן גראָד דורך אַזאַ אַלטען מיטעל, וועהרענד ער פערזיכערט איהר, אַז ער וויל מיט איהר חתונה האָבען? — האָט זי צו זיך גערעדט. — ווי וועט ער זיך איצט אַרויסדרעהען? און ווי זאָל איך נאָך קלערער וואָרנען מיין מערעל און בעשיצען זי, ווען עס וועט נויטיג זיין? דען פון גרויס נאַאיוועטעט קאָן זי נאָך אַ מאָל אָבטהון אַ גרויסע נאַרישקייט. נאָר ווער האָט עס געקאָנט קלערען, אַז דאָס דאָזיגע ערוואַקסענע מערעל זאָל בלייבען אַזוי נאַאיוו און אַזוי אונערפאַהרען אין לעבען!

די מאַרקיזע איז מיעד געוואָרען צו טראַכטען און האָט זיך אָנגעהויבען בייזערן, פאַר וואָס זי קאָן אין קיין פאַל נישט געפינען קיין אויסגאַנג פון דער דאָזיגער אונבעקוועמער לאַגע.

— וויים איך, וואָס איז דאָ צו קלערען! — האָט זי אויסגעשריען, אַבי נאָר ווי עס איז פטור צו ווערען פון די דאָזיגע געדאַנקען, — איך וועל טהון אַזוי, ווי די אומשטענדען וועלען מיר ווייזען. אויב עס וועט נויטיג זיין קאָן איך זיך זאָגאַר דורכרעדען מיט סערוויני'ן; ער איז נישט קיין נאַר און וועט מיך פערשטעהן מיט האַלבע ווערטער.

די מאַרקיזע האָט זיך נישט בעקלערט, וואָס זי וועט איהם זאָגען און וואָס ער וועט ענטפערן, זי איז פשוט געוועזען זעהר צופריעדען, זאָגאַר גליקליך, וואָס איהר איז איצט געלונגען פטור צו ווערען פון דעם גאַנצען עסק און קומען צו אַ געוויסען בעשלום. אַז זי האָט זיך בערוהיגט האָט זי ווידער אָנגעהויבען טראַכטען וועגען סאַוואַל'ן; זי האָט זיך אומגעדרעהט מיט'ן פנים צו פאַריז צו און לאַנג געקוקט אין די נאַכט-פינסטערניש, אַהין, וואו עס האָט זיך קוים-קוים געזעהן דער דונקעלער שיין פון די פייערען פון דער הויפט-שטאָדט. זי האָט מיט ביידע הענד געשיקט אונצעהליגע קושען צו דער ריעזיגער שטאָדט און שטיל

נערעדט, פונקט ווי איהר געליעבטער וואלט געווען דא געבען איהר:

— איך ליעב דיך, איך ליעב!

III

איוועטע איז אויך נישט געשלאפען און איז געזעסען אנגעשפארט אן אפענעם פענסטער; אין איהרע אויגען האבען טרעהרען געציטערט, — די ערשטע טרויעריגע טרעהרען פון איהר לעבען.

ביז דאמאלס איז זי שטענדיג געוואקסען און געלעבט אין העלע טרוימערייען פון איהר ליכטיגער קינדהייט און יוגענד. און צי דען האט זי געקאנט אנדערש לעבען? צי דען האט איהר געקאנט עפעס איינפאלען און פערדעכטיג מאכען? פארוואס האט זי דען געזאלט לעבען אנדערש ווי אלע איבעריגע מעדליך פון איהר עלטער? פון וואנען האט זיך דען געקאנט צו איהר נעהמען עפעס א צווייפעל און וואס האט געקאנט ערוועקען אין איהר הארצען דעם שרעקליכען, שווערען חשד?

איוועטע האט אויסגעזעהן, ווי זי וואלט שוין אלץ געוואוסט, נאר ווייל זי האט וועגען אלץ גערעדט, נאר דערפאר, ווייל זי האט נישט ווילענדיג איבערגענומען דעם טאן, די מאנערען און אפט אויך די זעהר ריזיקאלישע ווערטער פון די מענשען, וואס זענען געווען ארום איהר. נאר אין אמת'ן האט זי געקענט דאס לעבען נישט מעהר ווי א קליין מעדעל, וואס ווערט ערצויגען אין קלויסטער. און דאס, וואס זי איז געווען געוואוינט זיך פריי צו האלטען און רעדען שוין צו פריי, לויט ווי עס פאסט פאר א מעדעל, דאס האט נאר בעוויזען, ווי פעהיג זי איז איבערצונעהמען די מאנערען און דעם טאן פון אנדערע מענשען און ווי זי ווייס זיך צו צופאסען צו דער אלגעמיינער שטימונג.

איוועטע האט גערעדט וועגען ליעבע אזוי ווי צעהן אדער צוועלפיעהריגע קינדער פון קינסטלער און מוזיקאנטען רעדען ערנסט וועגען בילדער און מוזיק. זי זאל נארנישט האבען געוואוסט וועגען דער ליעבע, דאס איז אונטעגליך געווען, ווייל אין

איהר אַנווענזענהייט האָט מען צו אָפט דערצעהלט פערשיעדענע אַנעקדאָטען, וואָס האָבען נישט ווילענדיג איהר פיעל ענטדעקט, נאָר דאָס יונגע מעדעל האָט געמיינט, אַז אַזעלכע מיני זאַכען רעדט מען אומעטום. יאָ זי האָט געוואוסט, אָדער ריכטיגער האָט זי חושד געווען, וואָס עס ווערט געמיינט מיט דעם וואָרט „ליעבע", נאָר דערפון האָט זי זיך נאַטירליך נאָך נישט געקאָנט חאַפּען, אַז איהר פאַמיליע איז נישט ענהליך צו אַלע איבעריגע פאַמיליען.

אַלע האָבען מיט אַכטונג געקושט ביי איהר מוטער די האַנד. צו זיי אין שטוב פלעגען קומען אַלץ וויכטיגע לייט מיט הויכע טיטלען און וויזיט אום זעהר רייכע... פיעל פון זיי האָבען געהערט כמעט גלייכגילטיג וועגען זייער קאַנטשאַפט מיט הערשענדע פּרינצען און קעניגען... דער מאַרקיזע'ס סאַלאָן פלעגען אין אָווענד בעזוכען זאָגאַר זיהן פון קעניגען... היינט ווי אַזוי האָט איוועטע זיך געקאָנט עפּעס חאַפּען ביי אַזעלכע אומשטענדען?

און אויסער דעם איז זי פון דער נאַטור געווען נאַאיוו. זי האָט נישט אויפגעזוכט און נישט אַרומגעשמעקט די מענשען אַזוי ווי איהר מוטער. זי האָט געלעבט גאַנץ רוהיג און האָט אַזוי גענאָסען דאָס לעבען, אַז זי האָט נישט בעוויזען זיך צו פערטראַכטען וועגען דעם, וואָס וואָלט געקאָנט ערוועקען אַ חשד אין אַ רוהיגערע און מעהר אין זיך פערשלאָסענע מעדעל, נישט אַזאַ אויפריכטיגע, אָפענהערציגע און לעבענספרייריגע ווי זי.

און פּלוצלונג האָט סערוויני מיט עטליכע גראָבע ווערטער ערוועקט אין איהר הארצען צו'ם ערשטען עפּעס אַ נישט קלאָרע אומרוהיגקייט, וואָס איז גלייך דערנאָך פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ פּייניגענדע מורא פאַר עפּעס שרעקליכעס. דאָס יונגע מעדעל האָט נישט פערשטאַנען גענוי די בעדייטונג פון סערוויני'ס ווערטער, נאָר פון זיין טאָן האָט זי פערשטאַנען, אַז די ווערטער בעלעדיגען זי.

איוועטע האָט צוריקגעקעהרט אַהיים, זי איז געלאָפען ווי אַ פערוואונדעטע חיה'לע און איז ווירקליך געווען טיעף פערוואונדעט דורך זיינע ווערטער. איפּ'ן וועג האָט זי זיך אַלץ וויעדער-

האַלט די דאָזיגע ווערטער און אומזיסט זיך בעמיהט צו פֿער־
שטעקן זייער אמת׳ען זינען און אַרויסדרינגען זייער ריכטיגע בע־
דייטונג: „איהר ווייסט אַליין גאַנץ גוט, אַז צווישען אונז קאָן גאָר
קיין רעדע נישט זיין וועגען חתונה האָבען, נאָר ... וועגען ליעבע"
האָט סערווינע געזאָגט...

וואָס האָט ער געמיינט דערמיט, און פֿאַרוואָס האָט ער זי
אַזוי בעלעדיגט? אפשר איז איוועטע׳ן נישט בעוואוסט געווען עפּעס
אַ שרעקליך געהיימנים, וואָס האָט זייער משפּחה צו שאַנד גע־
מאַכט? יאָ, געוויס האָט זי איינע אַליין דאָס נישט געוואוסט!..
אָר וואָס קאָן דאָס זיין אַזוינס? דאָס יונגע מיידעל האָט אונגע־
הייער געליטען דורך דער דאָזיגער ענטדעקונג, פּונקט ווי זי
וואָלט זיך דערוואוסט, אַז איהרם אַ היים געליעבטעס וועזען האָט
זי פֿעררעטען און איצט איז זי פֿאַר וועהטאָג פּשוט פֿון זינען אַראָב!
און זי איז גלייך געגאַנגען אויספֿיהרען איהר פּלאַן.

איוועטע האָט זיך געהאַט צוגעגרייט צו אַ גרויסער ריהרענ־
דער סצענע, מיט גרויסע מליצות וועגען ליעבע, מיט טרעהרען,
מיט פֿערצווייפֿעלטע זשעסטען, און סוף כל סוף, האָט זי זיך גע־
ריכט, וועט די מאַרקיזע איהר אַלץ ענטדעקען...

און פּלוצלונג האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די מאַרקיזע האָט
זיך אפילו נישט שטאַרק פֿערוואונדערט, נאָר גיכער האָט איהר
דאָס אַלץ פֿערדרוס פֿערשאַפֿט; די אויספֿרעגענישען פֿונ׳ם יונגען
מיידעל האָבען איהר אַזוי ווי דערעסען. אין דעם אויגענבליק
האָט אין איוועטע׳ס האַרצען מיט אַמאָל אויפֿגעוואַכט די ווייבער־
שע היטרעקייט, וואָס איז ביז איצט געדרעמעלט אין איהר; פֿון
דער מוטערס אונצופֿריעדענעם און פֿערלעגענעם טאָן האָט זי
פֿערשטאַנען, אַז זי דאַרף נישט ווייטער אויספֿרעגען, אַז דאָס
געהיימנים איז גאָרנישט פֿון דעם סאָרט, ווי זי האָט גערעכענט,
אַז דאָ ליעגט בעהאַלטען עפּעס אַ פֿיעל שרעקליכערע און אונ־
פֿערבעסערליכערע זאַך ... זי האָט שוין מעהר נישט געהאָפֿט זיך
עפּעס צו דערוויסען פֿון דער מוטער, זי האָט איצט געוואוסט,
אַז זי וועט אַלץ מוזען אַליין דערגעהן, און איז צוריקגעקעהרט
זיך אין צימער, דאָס מאָל שוין גאָר פֿערצווייפֿעלט און מיט אַ

שוערען וועהטאג אין הארצען. איצט איז איוועטע געווען זיכער, אז ס'איז געשעהן עפעס שרעקליכעס, חאטש זי האט זיך נאך גישט געקאנט אבגעבען קיין רעכנונג, וואס איז אזוינס געשעהן, און זי האט זיך אנגעשפארט אן פענסטער און ביטער געוויינט.

זעהר לאנג האט דאס יונגע מעדעל געוויינט, און האט זיך שוין מעהר נישט בעמיהט צו דערגעהן די סיבה פון איהר אונגליק; צייטענווייז האט זי די אויגען פערמאכט, אויסגעמאטערט פון אלעם, וואס זי האט איבערגעלעבט, און האט זיך אויף איינינע אויגענבליקען פערגעסען אין יענעם שווערען שלאף פון ערמידעטע מענשען, וואס עס פעהלט זיי שוין אפילו די ענערגיע זיך אויסצוטהון און זיך אין בעט לעגען; זיי שלאפען אזוי איבערגעריסען, חאפען זיך אלע ווייל אויף, ווען דער קאפ גליטשט זיך פון די הענד אראב, און דער דאזיגער שווערער שלאף ערפרישט זיי גארנישט.

זי האט לאנג, לאנג געטראכט, נאכגעקלערט, געוויינט, זיך געפייניגט מיט פערשידענע ספיקות און אנגסטען. דאן אבער האט איהר יונגע נאטירליכע פרעהליכקייט גובר געווען די אלע אנגסטען, זי האט זיך ביסלעכווייז בערוהיגט און אנגעהויבען נאכצוקלערען און זוכען א ערקלערונג פון דאס דאזיגע געהיימניס. זי האט זיך דאס פארגעשטעלט ווי עפעס א ראמאנטישע געשיכטע מיט די אונגלויבליכסטע דראמאטישע אומשטענדען וואס זענען איהר בעקאנט געווען פון די אלע ראמאנען, וואס זי האט זייט לעבען געלייענט. איוועטע האט זיך דערמאהנט פערשידענע מעשות, געהיימניספולע און שרעקליכע געשיכטעס, און פון זיי אלע האט זי זיך איצט בעמיהט צו פערפאסען איהר איינענע געשיכטע און מאכען אביסעל פאעטיש דאס דאזיגע שרעקליכע געהיימניס, וואס האט זיי צו שאנד געמאכט.

זי איז שוין נישט געווען אזוי פערצווייפעלט ווי פריהער, און זי האט פאנטאזירט, אויסגעקלערט די אונגלויבליכסטע ערקלערונגען, פערשידענע אונגעוועהנליכע, שרעקליכע און גלייכצייטיג צוציהענדע, צוליעב זייער אריגינאליטעט, איינצעלהייטער

י איז זי נישט אמאל די אונגעזעצליכע טאכטער פון

עפּעס א הערשענרען פּרינץ? דער דאָזיגער פּרינץ אָדער קעניג און אנ׳ער טאַקי קעניג וויקטאָר עמנואל אַליין האָט פערפיהרט איהר אונגליקליכע מוטער, זי געמאַכט פאַר אַ מאַרקיזע און דערנאָך פערלאָזט... און זי האָט געמוזט אנטלויפען פאַר דעם צאָר פון דער גאַנצער קעניגליכער פאַמיליע?

— און אפשר האָבען מיך פערלאָזען מיינע פאָרנעהמע, רייכע עלטערן, ווייל איך בין געוועזען די פרוכט פון אַ זינדיגער ליעבע, און די מאַרקיזע האָט אויף מיר רחמנות געקריגען, מיך צוגענומען צו זיך און מיך ערצויגען ווי אַ אייגענע טאָכטער? — האָט איוועטע פאַנטאַזירט.

אויפ׳ן קאָפּ זענען איהר אַרויפגעקומען נאָך אַנדערע השערות און טויזענד מאָל האָט זי זיי אָנגענומען פאַר ריכטיגע, טויזענד מאָל זיי אָבגעשטויסען פון זיך. זי איז זאָגאַר זעהר געריהרט געוואָרען, זי האָט אָנגעהויבען רחמנות צו האָבען אויף זיך אַליין און גלייכצייטיג איז זי געוועזען זעהר צופריעדען און גליקליך, וואָס זי איז מיט אַ מאָל געוואָרען עפּעס אַזוי ווי אַ העלדין פון אַ ראָמאַן. זי האָט שוין בעטראַכט, ווי זאָל זי בעסער איהר ראָלע שפּיעלען זיך בעמיהט צו טרעפען, וואָס וועט ווייטער געשעהן און האָט זיך דאָס אַלץ אונקלאָר פאָרגעשטעלט ווי עפּעס אַ דראַמאַ פון סקריב׳ן אָדער אַ ראָמאַן פון זשאָרזש זאַנד. יאָ, איהר ראָלע דאַרף אינגאַנצען זיין אויסגעוועבט פון ערהאַבענהייט, איידעלקייט, שטאָלץ, מסירת נפש, גרויסמוט, פון שענע ריהרענדע ווערטער. איוועטע, וואָס פון דער נאַטור איז זי געווען אונבעשטענדיג און געקאָנט פון אַלץ בעגייסטערט ווערען, האָט זיך כמעט געפרעהט מיט דער דאָזיגער נייער ראָלע און מיט דער ענדערונג אין איהר לעבען.

אַזוי האָט זי אַלץ אַרומגעקלערט ביז רעכט אָוועגד או האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט, ווי זאָל זי בעסער טהון, כדי דעם אמת פון איהר מוטערס מויל אַרויסצורייסען.

און ווען עס איז אָנגעקומען די נאַכט, וואָס ווירקט שוין ממילא, אז די פאַנטאַזיע זאָל זיך צולאָזען, האָט דאָס יונגע מיידעל ענדליך אויסגעטראַכט אַ קליינעם, איינפאַכען שפּיצעל,

זואָס דורך איהם האָט זי געהאָפּט צו דערגעהן און דערוויסען זיך, וואָס זי האָט געוואָלט; זי האָט בעשלאָסען צוצוגעהן צו דער מוטער און זאָגען איהר אָהן אַ שום הקדמות, אַז סערוויני בעט איהר האַנד.

די מאַרקיזע, וואָס וועט ערשט'ינט זיין דורך דער דאָזיגער נאַכריכט, וועט זיך געוויס נישט קענען איינהאַלטען, און עס וועט זיך איהר אַרויסרייסען האַטש איין וואָרט אָדער אַ אויסשריי, וואָס פון איהם וועט זיך איוועטע שוין אַלץ דערוויסען.

איוועטע האָט זיך געלעגט ערשט פאַר טאָג, ווען די פריה־מאָרגען־קעלט האָט זי געצוואונגען טראָץ איהר ווילען אַוועק צו געהן פון פענסטער, וואו זי איז די גאַנצע צייט אַזוי ווי פערגליווערט געוואָרען.

די אַלע ווייטערדיגע טעג איז זי געווען זעהר איינגעשלאָסען אין זיך און אומעטיג. איהר קעפּעל האָט אָהן אויפהער געאַרבייט. זי האָט אַלץ געטראַכט, געטראַכט און געטראַכט. אין די דאָזיגע טעג האָט זיך דאָס יונגע מעדעל אויסגעלערנט אַלץ צו בעמערקען, אויסצופאָרשען און בעאורטהיילען. אַלץ אַרום איהר איז איצט פאַר איהר בעלויכטען געוואָרען עפּעס מיט אַ נייען, נאָך דונקעלען שיין און אין איהר האַרצען האָט זיך פערגנבה'ט אַ חשד און אַ געפיהל פון אונצוטרויען צו אַלץ, אין וואָס זי האָט פריהער געגלויבט, צו אַלע איהר נאָהנטע מענשען, אַפילו צו דער מוטער איוועטע האָט זיך בעמיהט צו געפינען אַ אויסגאַנג פון דער דאָזיגער שווערער אונוויסענהייט. זי האָט זיך אין געדאַנקען געוואָרפען איף אַלע זייטען, און זייענדיג היציג פון דער נאַטור איז זי פאַר די צוויי טעג איבערגעשפרונגען פון איין געדאַנקען צו'ם אַנדערען, אַרומטראַכטענדיג אַלץ, וואָס איהר האָט זיך נאָר אויסגעוויזען פאַר עפּעס מעגליך. מיטוואָך האָט זי ענדליך גענוי אַרומגעטראַכט, ווי זי זאָל זיך האַלטען און ווי זי וועט קענען צו'ם בעסטען אַלץ דערגעהן, און דאָנערשטאָג איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ פעסטען בעשלוס צו זיין אויפמערקזאַמער ווי דער בעסטער שפּיאָן און האָט זיך צוגעגרייט אָנצוהויבען אַ קאַמפּף מיט די אַלע אַרומיגע מענשען.

איוועטע האט זאגאר בעשלאסען זיך אויסצוּוועהלען פּאר א דעוויז די ווערטער: „איך אליין“, און האט א גאנצע שטונדע ארומגעקלערט, ווי עס וועט שענער זיין אויסצושטעלען די דאזיגע אויפשריפט ארום איהר „ראשי תיבות“ אויף די פּאסט־פּאפּיער.

סאוואל און סערוויני זענען געקומען צו פאהרען ווייגער צעהן. דאס יונגע מעדעל האט זיי בעגריסט מיט צוריקגעהאלטענהייט, נאר אהן א שום פערלעגענהייט, און האט געזאגט מיט איהר געוועהנליכען פאמיליערען, נאר דאס מאל שוין אביסעלע אומעטיגען טאן:

— גוטען טאג, מוסקאר, וואס מאכט איהר?

— גוטען טאג, מאמזעל, נישט קשה, און איהר?

סערוויני האט זיך אין איהר איינגעקוקט מיט חשד.

— וואס פאר א שפּיצעל וועט זי היינט מיר שפּילען? — האט ער זיך געפרעגט.

די מארקיזע האט סאוואלן גענומען אונטער'ן האנד, און ער איז געגאנגען מיט איוועטע'ן; ביידע פּארלעך האבען פאמעלעך געשפּאציערט אין גארטען, און מינוטענווייז האבען זיי זיך דערזעהען, מינוטענווייז זענען זיי פערשוואונדען געווארען הינטער די בוימער.

איוועטע איז געגאנגען זעהר רוהיג און פערטראכט; זי האט די גאנצע צייט געהאלטען די אויגען אראב און געקוקט אויף דעם שטעגעל. וואס איז געוועזען מיט זאמד בעשאטען, און האט ווייזט אויס נישט געהערט דאס, וואס איהר קאוואלער האט צו איהר גערעדט און האט איהם נישט געענטפערט.

— זאגט מיר, איהר זענט מיר ווירקליך א פריינד, מוסקאר? — האט זי פּלוצלונג געפרעגט.

— און נאך ווי, מאמזעל!

— ניין, זאגט מיר אין אמת'ן... איהר זענט מיר טאקי גאר, גאר אנ'אמת'ער פריינד און מיר איבערגעגעבען?

— איך בין גאנץ אייערער, מאמזעל, אי מיט'ן גוף אי מיט דער נשמה!

— אויב אזוי וועט איהר וועלען חאטש איין מאל אין לעבען מיר זאגען דעם אמת?

— אפילו צוויימאל, אויב איהר ווינשט עס!

— אבער דעם גאנצען אמת, דעם מיאוס'ען אמת, מעג ער זיין וואס ער איז!...

— יא, מאמועל.

— נו אויב אזוי, זאגט מיר אויפריכטיג, וואס פאר א מיינונג האט איהר וועגען פירשט קראוואלאוו?

— אח... צו'ם טייוועל!

— מוסקאד, מוסקאד, זעהט, איהר הויבט מיך שוין אן אבצונארען.

— ניין, ניין, פשוט איך זוך מיר אויף ווערטער, ווי זיך קלערער אויסצודריקען. נו, פערשטעהט איהר מיך, פירשט קראוואלאוו איז א רוס... דערין איז קיין צווייפעל נישטא, ער רעדט רוסיש, איז געבוירען אין רוסלאנד... וואהרשיינליך האט ער אויך א פאספארט, אז נישט וואלט ער נישט געקאנט קומען צו פאהרען קיין פראנקרייך... מיט איין ווארט, ביי איהם איז אלץ ריכטיג, און פאלש איז נאר זיין נאמען און זיין טיטעל...

איוועטע האט איהם שארף אין די אויגען א קוק געטהון:

— דאס הייסט, איהר ווילט זאגען, אז ער איז...

סערוויני האט זיך א ווייליע פערהאקט, דאן האט ער געזאגט ענטשלאסען:

— אז ער איז אנ'אוואנטוריסט? יא, מאמועל.

— איך דאנק אייך. דער קאוואלער ווארלעאלי איז אויך גישט בעסער פון איהם, אמת

— גאנץ ריכטיג.

— און דע-בעלווין?

— נו, דער איז שוין פון אנ'אנדער סארט... דאס איז א וועלט-מענש... א פראווינציעלער... א בכבודיגער... נאטירליך ביז א געוויסע מדרגה... נאר ער האט זיך שוין א ביסעל אבגעבריהט...

— און איהר?

— איך בין דאָס, וואָס מען רופט אָן אַ „שלימזל“, — האָט סערוויני געענטפֿערט אָהן אַ שום פֿערלעגענהייט. — געבוירען בין זיך פֿון אַ גאַנץ שענער פֿאַמיליע, נישט קיין נאַר, נאָר מיין פֿערשטאנד האָב איך פֿערשווענדעט אויף פֿערשיעדענע נאַרישקייטען. אַ מאָל בין איך געווען זעהר געזונד, נאָר איך האָב צופֿיעל אויסגענוצט דאָס לעבען; אַ מאָל בין איך אפשר געווען אויך זעהר פֿעהיג, נאָר איך האָב אָבגעלעבט מיינע יאָהרען און האָב נישט אויפֿגעטהון קיין גוטע זאַך! איצט איז מיר געבליבען אַ רעכט פֿערמעגען, אַ געוויסע לעבענס-ערפֿאַהרענהייט, אָהן אַ שום פֿאָראורטיילען, אַ פֿעראַכטונג צו אַלע מענשען, אין דעם כלל אויך פֿרויען, אַ טיעפֿעס בעוואוסטזיין, אַז מיין גאַנץ לעבען איז פֿערביי אָהן אַ ציעל, און אַ געדולדיגקייט צו אַלע ניעדערטרעטיגקייטען און מיאוסע זאַכען, וואָס קומט אויס אומעטום צו זעהן צייטענווייז קומען נאָך אָן אויף מיר מינוטען פֿון אויפֿריכטיגקייט, ווי צום ביישפּיעל גראָד איצט, און איך בין זאָגאַר פֿעהיג אמת דיג ליעב צו בעקומען און ווערען צוגעבונדען צו עמיצען, דערין האָט איהר זיך שוין געקאָנט איבערצייגען! יאָ, מאַמזעל, איך גיעב מיך געצליך אָב אין אייער רשות מיט אַלע מיינע מעלות און חסרונות, שפּאַסט זיך מיט מיר אַזוי מאָראַליש אַזוי פֿיזיש ווי אייך נאָר געפֿעלט! אָט דאָס איז עס אינגאַנצען.

איוועטע האָט נישט געלאַכט, זי האָט געהערט זעהר אויפֿמערקזאַם און גוט בעקלערט יעדעס וואָרט יעדע אינטאָנאַציע.

— און וואָס קלערט איהר וועגען דער גרעפֿין דע-לאַמי? — האָט זי ווייטער אויסגעפֿאָרשט.

— נו ניין, דאָס נישט, איהר מוזט מיר ערלויבען אייך נישט צו זאָגען מיין מיינונג וועגען די פֿרויען, — האָט ער שנעל געענטפֿערט.

— וועגען קיינע?

— וועגען קיינע.

— הייסט עס, איהר האט וועגען זיי אלע א גאנץ שלעכטע מיינונג?

סערוויני האט א שמייכעל געטהון מיט זיין געוועהנליכען חוצפה'דיגען שמייכעל; די דאזיגע חוצפה'דיגע מאנערע איז געווען זיין קראפט, זיין געוועהר.

— די אנווענדע זענען שטענדיג אויסגעשלאסען, — האט ער געזאגט.

איוועטע איז עטוואס רויט געווארען, נאר זי האט ווי פריהער גאנץ רוהיג געפרעגט:

— נו, טא זאגט מיר, וואס קלערט איהר וועגען מיר?

— איהר ווילט? גוט! איך קלער, אז איהר זענט א גאנץ פערשטענדיגע פערזאן, זעהר א פראקטישע, אדער ריכטיגער, איהר בעזיצט א גרויסען פראקטישען פערשטאנד. איהר קאנט זעהר פיין פערפלאנטערן אייער שפיעל, זיך אויסלאכען פון מענשען, בעהאלטען אייערע ווירקליכע ציעלען, איהר קאנט קונציג אויסשפרייטען אייער נעץ און דאן איילט איהר זיך נישט און ווארט... אויף דאס געשעהעניש גופא.

— אט דאס איז אלץ? — האט זי געפרעגט.

— יא, אלץ.

— איך וועל אייך צווינגען אומצובייטען אייער מיינונג וועגען מיר, מוסקאד, — האט דאס יונגע מעדעל געזאגט זעהר ערנסט און איז אוועק צו דער מוטער

די מארקיזע איז געגאנגען מיט קליינע טריט, איהר קאפ איז געווען שטארק אראבגעבויגען, און איהר גאנג איז געווען פויל, אבגעשוואכט; אזוי שפאצירען געוועהנליך פערליבטע פארלעך, ווען זיי סודען זיך וועגען עפעס, וואס איז פאר ביידען זעהר אנגענעהם און זעהר טייער. געהענדיג האט זי עפעס געצייכענט מיט'ן שפיץ פון איהר שירעם אויפ'ן זאמד, צי ציפערען, צי בוכשטאבען, און נישט קוקענדיג אויף סאוואל'ן, נאר איינגאנצען צוגעדריקט צו איהם, האט זי אלץ גערעדט מיט א צארט זיס שעפ־

שען. איוועטע איז צוגעגאנגען צו דער מוטער און האט פלוצ־לונג שארף א קוק געטהון אויף איהר; אין איהרע אויגען האט פלוצלונג א בליץ געטהון א אונקלארער, נאך נישט גאר בעשטימ־טער חשד, אזוי ווי אויף דער ערד פליהט דורך דער שאטען פון א וואלקען, וואס ווערט פון ווינד געיאגט.

מען האט אנגעקלונגען צום פריהשטיק.

ביי'ם טיש זענען אלע געזעסען זעהר ערנסט און דער פריה־שטיק איז פערביי טרוקען, כמעט לאנגווייליג.

אין דער לופט האט זיך געפיהלט א שטורם־וועטער. דער האריזאנט איז פערדונקעלט געווארען מיט שווערע שווארצע שא־טען. זיי האבען זיך נאך נישט אנגערוקט און געשוויגען אזוי ווי פערטשאיעט, נאר מיט זייער גרויזאמען אויסזעהן האבען זיי פאר־אויסגעזאגט א שטורם.

קאווע האט מען דערלאנגט אויף דער טעראסע.

— נו, מיין ליעבע קליינע, דו וועסט היינט געהן שפאציע־רען מיט דיין פריינד סערוויני? — האט די מארקיזע זיך געווענדעט צו איהר טאכטער. — איצט מוז אין וואלד זיין קיהל און זעהר אנגענעהם!

איוועטע האט געווארפען א האסטיגען בליק אויף איהר מו־טערס געזיכט, דאן האט זי זיך גלייך פון איהר אבגעדרעהט.

— ניין, מאמא, — האט זי געזאגט — היינט געה איך נישט שפאצירען.

דער דאזיגער ענטפער האט די מארקיזע ווייזט אוים נישט בערוהיגט און זי האט מיט עקשנות ווייטערהאלט:

— געה, מיין קינד, שפאציער זיך דורך, דאס וועט דיר נוצליך זיין!

— ניין, מאמא, היינט בלייב איך אין דערהיים און דו ווייסט פארוואס; איך האב דיר אנומעלט אין אווענד געזעדט וועגען דעם, — האט איוועטע געענטפערט.

מאדאם אבארדי האט שוין געהאט גאר פערגעסען איהר געשפרעך מיט איהר טאכטער; זי האט אליין געטרוימט נאר וועגען דעם, ווי קאן זי וואס גיכער בלייבען מיט סאוואלי אליין

איצט איז זי שטארק פערלעגען געוואָרען, און נישט וויסענדיג ווי ארויסצוקריכען זיך פון דער דאָזיגער אונאנגענעהמער לאגע, האָט זי א מורמעל געטהון:

— יאָ, יאָ... דו ביזט גערעכט!... איך האָב פערגעסען... איך ווייס אליין נישט, ווי איז דאָס מיר פון קאָפּ ארויס!

די יונגע לייט האָבען זיך געזעצט רײטענדיג אויף ווייכע שטוהלען און פעררויכערט ציגארען. איזוועטע האָט געבראַכט איהר אויסנעהעכץ און זיך געזעצט אויף א נידריגען שטוהל נעבען דער מוטער; דאָס יונגע מעדעל האָט אמאל פינף, זעקס אין יאָהר געארבייט, דאן ווען עס איז אבסאלוט נישט געווען קיין אנדער זאך וואָס צו טהון, און שטענדיג האָט זי אליין שרעקליך געלאַכט פון זיך, ווען זי האָט זיך גענומען צו דער דאָזיגער „פרומער בעשעפטיגונג", — ווי זי פלעגט איהר ארבייט אנרופען.

אזוי זענען פערביי עטליכע שטונדען; אלע האָבען גערעדט זעהר וועניג און טרוקען, דער שמועס איז כסדר איבערגעריסען געוואָרען. די מארקיזע האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אויף סאַיואל'ן בליקען פול מיט פערצווייפלונג, און האָט זיך אלץ בעמיהט צו געפינען עפּעס א תירוץ, כדי צו ערווייטערן די טאָכטער און חאָטש א קורצע צייט בלייבען אליין מיט איהר געליעבטען. ענדליך האָט זי פערשטאַנען, אז דאָס וועט איהר נישט געלינגען און זי האָט זיך בעשלאָסען אויף די לעצטע חיטרעקייט און געזאָגט צו סערווינ'ן:

— איהר ווייסט, ליעבער הערצאָג, איך וועל דאך אייך ביידען אויף קיין פאל היינט נישט אבלאָזען! מאָרגען וועלען מיר אלע צוזאמען פאָהרען פריהשטיקען אין רעסטאָראן פורנעז אין שאטו.

ער האָט פערשטאַנען, א שמייכעל געטהון און זיך גענייגט פאר איהר.

— איך בין גרייט אייך צו דיענען, מארקיזע.

אזוי איז פערביי דער גאנצער טאָג, פאמעליך און מאטערענד-לאנגווייליג.

ביי'ן מיטאָג איז געווען נאך לאנגווייליגער ווי ביי'ם פריהשטיק. עפּעס א פערלעגענהייט, אזוי ווי א דונקעלע אנגסט פאר עפּעס,

האָט צוגעשמיערט די ליפּען פון די ביידע פרויען און מענער.

נאָך מיטאָג זענען אַלע געבליבען זיצען אויף דער טעראַסע און דאָס געשפּרעך האָט זיך געצויגען פויל מיט גרויסע הפסקות. עס איז פינסטער געוואָרען; עס האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ הייסע שטיקענדע נאַכט. און פּלוצלונג איז איבער דעם פינסטערען הימעל דורכגעפלויגען אַ פייערדיגער זיגזאַג און האָט מיט זיין פאָספאָרישען גלאַנץ מיט אַמאָל בעלויכטען די בלאַסע געזיכטער פון די שמועסענדע. גלייך דערויף האָט זיך דערהערט אַ ווייטער, שוואַכער און טויבער קראַך, אַזוי ווי דאָס ווייטע קלאַפּען פון אַ קאַרעטע, וואָס פאָהרט איבער'ן בּרוק; די היץ האָט זיך אַלץ פערשטאַרקט, עס איז געוואָרען נאָך אונערטרעגליכער, און דאָס שווייגען פון דער דאָזיגער נאַכט נאָך שווערער.

איוועטע איז אויפגעשטאַנען.

— איך געה שלאָפען, — האָט זי געזאָגט, — עפּעס ווערט מיר נישט גוט פון דעם דאָזיגען שטורם.

זי האָט אויסגעשטרעקט דעם שטערען צו דער מוטער, אַ דריק געטהון ביידע יונגע לייט די הענד און אַוועק.

דאָס צימער פונ'ם יונגען מעדעל איז אויסגעקומען גראָד איבער דער טעראַסע און געגענאיבער איהרע פענסטער איז געוואַקסען אַ גרויסער קאַשטאַנבוים. סערוויני האָט געזעהן, ווי דער שפּיץ פון דעם דאָזיגען בוים איז פּלוצלונג בעשיינט געוואָרען מיט אַ העלען שיין פון פענסטער אַרויס, און איהם האָט זיך געדוכט, אַ צווישען די בלעטער וואַקעלט זיך עמיצענס אַ שאָטען. דאַן איז פּלוצלונג אַלץ פערלאָשען געוואָרען.

— אָט האָט זיך שוין איוועטע געלעגט! — האָט מאַדאַם אָבאַרדי געזאָגט און שווער אָבגעזיפצט.

— איך וועל פאָלגען דעם ביישפּיעל פון אייער טאָכטער, מאַרקיזע. און וועל אויך געהן שלאָפען, אויב איהר וועט ערלויבען, — האָט סערוויני געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען.

ער האָט אַ קוש געטהון איהר האַנד און איז אַוועק.

דאַן איז די מאַרקיזע ענדליך געבליבען איינע אַליין מיט מאַוואַל'ן אין דער פינסטערער נאַכט.

זי איז איהם גלייך געפֿאַלען אין די אָרעמס און איהם אָנ־געהויבען קושען אונזיניג. דאַן האָט זי זיך געשטעלט פֿאַר איהם אויף די קניה, חאָטש ער האָט עס נישט געוואָלט דערלאָזען, און שטיל און ליידענשאַפֿטליך געזאָגט:

— איך וויל דיך אָנקוקען ביי'ם גלאַנץ פֿון בליץ!

נאָר איוועטע איז אין דער הויך נישט געשלאָפֿען; זי האָט פֿערלאָשען דאָס ליכט, און שטיל, באָרוועס האָט זי זיך ווי אַ שאָטען אַרויסגעגנב'עט אויף איהר באַלקאָן, כדי דאָרט צו הערען, וואָס אונטען טהוט זיך; אַ פֿינסטער און שווער געפֿיהל האָט גע־נאָגט דאָס האַרץ פֿונ'ם יונגען מערעל.

זי האָט נישט געקאָנט זעהן, וואָס אונטען טהוט זיך, ווייל איהר באַלקאָן איז פונקט אויסגעקומען איבער דער טעראַסע. זי האָט נאָר געהערט עפּעס אַ שעפּטשען, איהר האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז אין די אויערען האָט איהר אָהן אויפֿהער גערוישט. נאָר אָט איז אויבען איבער איהר צוקגעלאַפּט געוואָרען אַ פֿענסטער, הייסט עס, אַז סערוּתּי איז שוין אויך ביי זיך אין צי־מער און די מאַרקיזע איז געבליבען אַליין מיט יענעם, מיט'ן צווייטען.

אַ צווייטער בליץ, נאָך העלער ווי דער ערשטער, האָט דורכגעשניטען דעם גאַנצען הימעל אויף צוויי און איין אויגענבליק איז פֿאַר איוועטע'ס אויגען בעלויכטען געוואָרען דאָס גאַנצע לאַנד־שאַפֿט, וואָס איז איהר שוין פֿון לאַנג געווען בעקאַנט און איז איצט געווען בעשיינט עפּעס מיט אַ גרויזאַמען גלאַנץ; זי האָט דערזעהן דעם גרויסען טייך, וואָס האָט געהאַט אַ קאָליר פֿון צע־שמאָלצענעם בליי, און די גאַנצע אַרומיגע געגענד האָט זיך איהר אויסגעוויזען לעגענדאַריש, פֿאַנטאַסטיש... און גלייך נאָך דעם דאָזיגען בליץ האָט זי פֿון אונטען דערהערט די ווערטער: „איך ליעב דיך!"

מעהר האָט איוועטע נישט געהערט; זי האָט אינגאַנצען אַ ציטער געטהון און עס האָט איהר אָנגעהויבען מישען אין קאָפּ.

איצט האָט געהערשט אַ שווערעס, אונענדליכעס שווייגען. וואָס האָט אַזוי ווי צוגעדריקט די ערד. איוועטע האָט נישט גע־

קאַנט עטעמען, איהר ברוסט האָט נעדריקט עפּעס אַנ׳אונבעוואוסטע און שרעקליכע קראַפט. ווידער האָט אויפגעבליצט אַ בליץ און אויף איין אוינענבליק בעלויכטען דעם האָריזאָנט, דאַן באַלד נאָך איהם אַ צווייטער, אַ דריטער...

און די זעלבע שטימע פון אונטען האָט אַלץ העכער און העכער ווידערהאָלט: „אָ, ווי איך ליעב דיך, ווי איך ליעב דיך!" איזועטע האָט גוט נעקענט די דאָזיגע שטימע, די שטימע פון איהר איינענער מוטער.

אַ גרויסער, וואַרעמער רעגען־טראָפּען איז איהר אַרויפגע־פאַלען אויפ׳ן שטערען, און די בלעטער פון די בוימער האָבען קוים קוים זיך אָנגעהויבען בעוועגען און ציטערען, ווי עס טרעפט פאַר אַ רעגען.

דאַן האָט זיך פון דערווייטען אַ לאָז געטהון אַ גערויש; דאָס איז אַ רעגען אָנגעפלויגען און באַלד האָט אַ שרעקליכער פלייץ, רעגען אַ גאַס געטהון אויף די ערד, אויפ׳ן טייך, אויף די בוימער. אויפ׳ן באַלקאָן, אַרום און אַרום איזועטע׳ן, האָבען באַלד אָנגע־הויבען טאַנצען רינגען; שווערע טראָפּען האָבען געקלאַפּט אויף איהר, אַזוי ווי דורכגעלעכערט איהר גאַנצע קלייד און זי איז אַזוי ווי אָבגעשווענקט געוואָרען אין וואַסער. נאָר זי האָט זיך פון אָרט נישט גערירט און האָט אַלץ געקלערט וועגען דעם, וואָס קומט פאַר אונטען אויף דער טעראַסע.

איזועטע האָט דערהערט, ווי דאָרט אונטען איז מען אויפ־געשטאַנען און אין די צימערען אַריין; אין שטוב זענען טהירען צוגעקלאַפּט געוואָרען... דאָס יונגע מעדעל האָט אָנגעהאַפּט אַזאַ שטאַרקער פערלאַנג זיך אונבעדינגט דעם אמת צו דערוויסען, אַז זי האָט נישט געקאָנט קעמפּפען מיט זיך, האָט זי זיך אַ לאָז גע־טהון אַראָב פון די טרעפּ, פאָרזיכטיג געעפענט די איינגאַנגס־טהיר און אונטערן פלייץ־רעגען האָט זי זיך מיט׳ן גאַנצען כח גע־לאָזט לויפען אין אַ קאַלוזשע, כדי זיך צו בעהאַלטען צווישען בוי־מער און פון דאָרטען אין פענסטער קוקען.

אין גאַנצען זענען די פריערען פערלאָשען געווען, נאָר איין פענסטער איז געבליבען בעלויכטען, דאָס פענסטער פון איהר

טוטערט שלאָפצימער. און פּלוצלונג האָט איוועטע בעמערקט צוויי דונקעלע פיגורען אויף דעם דאָזיגען העלען פּיערעק. דערנאָך זענען די דאָזיגע צוויי פיגורען פעראייניגט געוואָרען אין איינע. און אין דעם אויגענבליק האָט גראָד אַ בליץ געטהון און דאָס יונגע מעדעל האָט קלאָר דערזעהן די מאַרקע אַן סאַוואַלים אָרעמס.

א געוואַלדיגע פערצווייפלונג האָט זי אָנגעכאַפּט. נישט קלערענדיג, נישט אָבגעבענדיג זיך קיין רעכנונג פון קיין זאַך, האָט זי מיט'ן גאַנצען כח אַ געשריי געטהון מיט אַ שאַרפער, דורכדרינגענדער שטימע: „מאַמאַ!". אזוי שרייט מען, ווען מען וויל עמיצען ראַטעווען פון אַ שרעקליכער געפאַהר.

דער דאָזיגער האַרצרייסענדער געשריי איז פערלאָרען געגאַנגען צווישען דאָס קלאַפּעניש פון רעגען און דאָס פּליעסקען פון וואַסער, נאָר די געאָרעמטע פיגורען האָבען זיך דערשראָקען, ערווייטערט איינע פון דער אַנדערער און באַלד איז איינע פון זיי פערשוואונדען געוואָרען און די צווייטע איז נאָך נעהנטער צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט זיך אזוי ווי בעמיהט צו דערזעהן דאָס, וואָס טהוט זיך אין גאָרטען.

דאַן האָט זיך איוועטע דערשראָקען, אַז די טוטער קאָן זי דערזעהן, זי טרעפען אַט דאָ, זיך בעגעגענען מיט איהר; זי האָט זיך שנעל אַ לאָז געטהון צום הויז, אַרויף אויף די טרעפּ, לאָזענדיג הינטער זיך גאַנצע שטראָמען פון שמוציגע וואַסער, און האָט זיך פערשלאָסען אין איהר צימער און בעשלאָסען אין קיין פאַל קיינעם נישט צו עפענען...

זי האָט זאָגאַר נישט אויסגעטהון איהר שטאַרק דורכגענעצטע און צום לייב צוגעקלעבטע קלייד און אזוי ווי זי איז געוועזען האָט זי זיך אַ וואָרף געטהון אויף די קניה. אין דעם דאָזיגען שרעקליכען אויגענבליק האָט דאָס יונגע מעדעל מיט איהר גאַנצען וועזען געבעטען הילף עפּעס ביי אַ העכערע אונערדישע קראַפט, זי גערופען צו זיך, אזוי ווי עס רופען אַלטע זינדער אין די מינוטען פון טרויער און פערצווייפלונג.

פון צייט צו צייט האָבען העלע בליצען בעלויכטען איהר צימער מיט זייער גרויזאַמען גלאַנץ און זי האָט זיך דערזעהן גע-

גענאיבער אין שפּיגעל און האט זיך אליין נישט דערקענט אין דער דאזיגער צו איהר צוגעקלעבטער קלייד און מיט די פאנאנדערגעלאזענע, אויך דורכגעווייקטע האר.

איוועטע איז אזוי לאנג געשטאנען אויף די קניה, אז זי האט זאגאר נישט בעמערקט, ווי דער שטורם איז פערביי. דער רעגען האט אויפגעהערט, דער הימעל איז העלער געווארען, חאטש ער איז נאך אלץ געווען איינגעהילט אין וואלקען, און א וואונדערליבע שמעקענדיגע פרישקייט האט זיך אריינגעריסען צו איהר אין צמער דורך דאס אפענע פענסטער. עס האט געשמעקט מיט פייכטע בלעטער, גראז און בלומען.

איוועטע איז אויפגעשטאנען, אראבגעשלעפט פון זיך די קאלטע, פייכטע קלייד און זיך געלעגט אין בעט. כמעט נישט וויסענדיג אליין וואס זי טהוט. זי איז לאנג אזוי געלעגען מיט אפענע אויגען, דערנאך האט זי זיך צעוויינט, און לאנג, לאנג געוויינט, און אז זי האט זיך בערוהיגט האט זי זיך פערטראכט וועגען דעם, וואס איז געשעהן.

איהר מוטער האט א געליעבטען געהאט. וועלכע שאנדע.

נאר איוועטע האט געלייענט אזוי פיעל ראמאנען, וואו פערהייראטעטע פרויען און זאגאר מוטער גיבען זיך אב אין היץ פון דער ליעבע און צו'ם סוף פון ראמאן שטעלען זיי צוריק פעסט זייער עהרע! און איצט איז זי נישט געווען בעזונדערם דערשלאגען פון דעם, וואס איז געשעהן, און נישט ווילענדיג האט זי זיך דערמאהנט אזעלכע ביישפיעלען אין די דורכגעלייענטע ראמאנען. די ערשטע שטורמישע מינוטען פון שמערץ זענען פערביי, זי האט איצט געקאנט קלערען און ארומטראכטען, דערמאהנען זיך עהנליכע לאגעס: איוועטע האט אזוי פיעל מאל אין געדאנקען איבערגעלעבט אזעלכע מיני טראגישע געשעהענישען, אז די שרעקליכע ענטדעקונג האט זיך ביסלעכווייז איהר אנגעהויבען אויסצוווייזען ווי א נאטירליכע פארטזעצונג פון עפעס א אינטערעסאנטען פעלעטאן, וואס זי האט נעכטען אנגעהויבען.

— איך וועל רעטען מיין מוטער! — האט זי געזאגט צו זיך

און דער דאָזיגער העלדישער בעשלוס האָט זי כמעט בערו־היגט; זי האָט זיך מיט אַמאָל דערפֿילט מוטיג און שטאַרק, גרייט אָנצוהויבען אַ קאַמפֿ און מיט מסירת נפש אַלץ אָפּפֿערן צוליעב דער מוטער. דאַן האָט זיך איוועטע פֿערטראַכט, ווי וועט זיין צו'ם בעסטען זיך צו נעהמען צו דער זאַך, וואָס פֿאַר אַ מיטעל זאָל זי אויסוועהלען כדי די מוטער צו רעטען. באַלד האָט זי שוין אַלץ געהאַט אויסגעקלערט און האָט אַזוי ווי אַ אַקטריסע אָנגע־הויבען אַרומצוטראַכטען איהר געשפּרעך מיט דער מוטער, די בע־וועגונגען, זשעסטען.

די זון איז אויפֿגעגאַנגען. אין הויז זענען אַלע ענדיג די דינע־נער אַרומגעלאָפֿען. צו איוועטען איז אַריינגעקומען אַ דינסט מיט שאָקאָלאַד. דאָס יונגע מעדעל האָט דעם טאָץ געהייסען אַרויפֿ־שטעלען אויפֿ'ן טיש.

— געהט, זאָגט מיין מוטער, אַז איך בין נישט געזונד, — האָט זי בעפֿויהלען; — זאָגט, אַז איך וועל בלייבען אין בעט ביז די געסט וועלען אוועקפֿאָהרען, אַז איך בין ביינאַכט נישט גע־שלאָפֿען און איך בעט זעהר, מען זאָל מיך נישט בעאונרוהיגען, וויל איך וויל זיך איצט בעמיהען איינצושלאָפֿען.

די דינסט האָט פֿערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף די פֿייכטע קלייד, וואָס איז געלעגען נעבען בעט.

— ציי דען זענט איהר געוועזען אַרויסגעגאַנגען, מאַדמואזעל?— האָט זי געפֿרעגט.

— יאָ, איך בין געגאַנגען אַ ביסעל שפּאַצירען אונטערן רעגען, כדי זיך אָבצופֿרישען.

די דינסט האָט אויפֿגעקליבען די קליידלעך, זאָקען און שמוציגע שיך; זי האָט מיט עקעל בעריהרט די דאָזיגע פֿייכטע זאַכען, אַזוי ווי דאָס וואָלטען געוועזען די קליידער פֿון אַ דערטרונקע־נעם; סוף כל סוף האָט זי אַלץ פֿערנומען אין איין האַנד און איז פֿון צימער אַרויס.

איוועטע האָט געוואוסט, אַז די מוטער וועט באַלד קומען און האָט אָנגעהויבען וואַרטען אויף איהר.

און ווירקליך ביי די ערשטע ווערטער פֿון דער דינסט איז

די מארקיזע פון בעט אויפגעשפרונגען ; זי האט ביינאכט געהערט דעם שארפען געשריי „מאמא" און האט אונרוהיג געווארט דעם פריהמארגען .

וואס איז דיר ? — האט די מארקיזע געפרעגט אריינקומענדיג צו דער טאכטער .

איוועטע האט א קוק געטהון אויף איהר און א מורמעל געטהון :

— איך . . . מיר . . . — א שרעקליכע אונרוהיגקייט האט גקראמפפהאפט איהר האלז צוגעדריקט און זי האט זיך אנגעהויבען שטיקען .

— אבער וואס איז דיר ? — האט די מארקיזע נאך א מאל געפרעגט פערוואונדערט .

דאן האט איוועטע פערגעסען די אלע שענע פראזען און ווערטער, וואס זי האט פריהער געהאט אויסגעקלערט, זי האט מיט ביידע הענד דאס געזיכט פערשטעלט און שטילערהייד געזאגט :

— א מאמא, מאמא !

מאדאם אבארדי איז אונבעוועגליך געשטאנען פאר איהר בעט . זי האט נישט געוואוסט . וואס דא איז געשעהן, נאר פון איוועטע'ס טאן האט זי כמעט אלץ פערשטאנען .

דאס יונגע מעדעל האט נישט געקאנט רעדען, טרעהרען האבען איהר געשטיקט ; די מארקיזע האט גאנץ לאנג געווארט אויף די אונאנגענעהמע ערקלערונג, ענדליך האט זי נישט אויסגע-האלטען, ארויס פון זיך און שארף געפרעגט :

— צי וועסטו מיר-שוין אבער ענדליך זאגען, וואס דיר איז, אדער ניין ?

— א ! ... היינט ביי נאכט ... האב איך געזעהן ... געזעהן דיין פענסטער ! — האט איוועטע קוים געזאגט שטילערהייד. די מארקיזע איז מיט א מאל בלאס געווארען .

— נו, איז וואס ? — האט זי געזאגט .

— א מאמא, מאמא ! — האט דאס יונגע מעדעל ווידער אויסגעשריען און זיך מיט טרעהרען בעגאסען . די אונרוהיגקייט

און פערלעגענהייט פון מאדאם אבארדי זעניען פערביטען געווארען אויף א בייזקייט, זי האט א קוועטש געטהון מיט די אקסלען און זיך אומגעדרעהט צו דער טהיר.

— דאכט זיך, דו ביזט אויף אנ'אמת פון זינען אראב! זיי אזוי גוט און שיק מיך רופען, ווען דו וועסט ענדיגען וויינען!

נאר דאס יונגע מעדעל האט מיט א מאל אבגענומען די הענד פון איהר פערוויינטען געזיכט און אויסגעשריען:

— ניין... העך... דו מוזט מיר צוזאגען... מיר וועלען ביידע אוועקפאהרען וויים, וויים, ערגעץ אין א דארף, און מיר וועלען דארט לעבען ווי איינפאכע פויערטעס; קיינער וועט זיך נישט דערוויסען, וואס מיט אונז איז געווארען. זאג, דו ווילסט, מאמא? אום גאטעס ווילען, איך בעט דיך, לאמיר אוועקפאהרען, דו ווילסט, יא?...

די ערשטווינטע מארקיזע איז געשטאנען אין מיטען צימער. אין איהרע אדערען האט געפליעסט דאס הייסע בלוט פון פראסטע מענשען, און זי איז אינגאנצען אויפגעציטערט געווארען פאר שרעק, מיט דער פערצווייפלונג פון א ליידענשאפטליכער פרוי, ביי וועלכער מען וויל די ליעבע אוועקרויבען; צו דעם דאזיגען געפיהל האט זיך אויך צוגעמישט דאס געפיהל פון חרפה פון א מוטער, וואס איהר טאכטער איז איהר זינד דערגאנגען, און זי האט נישט געוואוסט, וואס זאל זי טהון: צי בעטען ענטשולדיגונג אדער איבערהאקען דעם דאזיגען שמועס עפעס מיט א שארפען ווארט.

— איך פערשטעה דיך נישט, — האט די מארקיזע געזאגט.

— איך האב דיך... געזעהען מאמא... היינט ביינאכט...— האט איזועטע ווייטער גערעדט.— איך בעט דיך, טהו דאס נישט מעהר... ווען דו וואלסט געוואוסט... מיר וועלען צוזאמען אוועקפאהרען... איך וועל דיך אזוי ליעבען און צערטלען, אז דו וועסט פערגעסען!...

— הער אויס, איזועטע, עס גיעבט זאכען, וואס דו פערשטעהסט נישט,— האט מאדאם אבארדי זי איבערגעשלאגען מיט א ציטערנדער שטימע. — נו, איז... געדענק דיר איין מאל פאר

אַלע מאָל ... גערענק ... אַז איך פערבאָט דיר צו רעדען מיט מיר וועגען ... וועגען ... וועגען די דאָזיגע זאַכען !...

נאָר דאָס יונגע מעדעל איז מיט אַ מאָל צו זיך געקומען, זי איז אַריין אין איהר ראָלע פון אַ רעטערין און האָט אָנגעהויבען, דאָס מאָל שוין גאָר מיט אַנ'אַנדער שטימע :

— ניין, מאַמאַ, איך בין נישט קיין קינד, איך האָב דאָס רעכט אַלץ צו וויסען ! יאָ, איך ווייס, אַז מיר עמפּפאַנגען ביי זיך פערשידענע שלעפּער, אַוואַנטוריסטען, איך ווייס אויך, אַז צו־ליעב דעם אַכטעט מען אונז נישט ... איך ווייס נאָך פיעל אַנדערע זאַכען !... נאָר איצט, פערשטעהסטו, וויל איך שוין דאָס נישט מעהר. מיר וועלען אַוועקפאָהרען. דו וועסט פערקויפען דיינע דיאַמאַנטען, אויב עס וועט נויטיג זיין וועלען מיר ביידע אַרבײ־טען, נאָר דערפאַר וועלען מיר לעבען ווי עהרליכע פרויען, ערגעץ וויט, וויט, וויטער פון דאַנען, און אפשר וועט דאָרט עמיץ וועלען חתונה האָבען מיט מיר...

די מאַרקיזע האָט שטרענג געקוקט אויף איהר ; איהרע אויגען האָבען בייז אַ בליץ געטהון.

— דו ביזט פון זינען ! — האָט זי געזאָגט. — נעהם בעסער און שטעה גלייך אויף און קום פריהשטיקען מיט אַלעמען.

— ניין, מאַמאַ, איך קאָן נישט זעהן איין מענשען, דו ווייסט וועמען ! זאָל ער אַוועקגעהן פון דאַנען, אַז נישט וועל איך אַוועק־געהן ! הו האָסט די ברירה צווישען איהם און מיר !

דאָס יונגע מעדעל איז געזעסען אויפ'ן בעט און האָט אַלץ העכער גערעדט. זי האָט גערעדט אַזוי ווי אויף דער סצענע און איז אַזוי אַריין אין די ראָלע פון אַ רעטערין, אַז זי האָט כמעט פערגעסען איהר אונגליק און האָט זיך זאָגאַר געפרעהט, וואָס ענדליך האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּיעלט יענע דראַמע, וועגען וועלכע זי האָט פאָרויס געטרוימט.

— אָבער דו ביזט שוין גאָר פון זינען אַראָב ! — האָט נאָך אַ מאָל די מאַרקיזע ווידערהאָלט, נישט וויסענדיג וואָס צו זאָגען.

איוועטע האָט זי איבערגעשלאָגען מיט אַ וואַקסענדער טע־אַטראַלישער היציגקייט

— ניין, מאמא, זאל דער דאָזיגער מענש אוועקגעהן פֿון דאַנען, צי ניט, וועל איך אוועקגעהן, דען איך וועל זיך אין קיין פֿאל ניט אונטערגעבן.

— וואוהין ווילסטו געהן?... וואס ווילסטו טהון?...

— איך ווייס ניט... אלץ איינס... איך וויל, אז מיר זאלען זיין עהרליכע פרויען.

דער דאָזיגער אַפּט ווידערהאָלטער אויסדרוק „עהרליכע פרויען" האט די מארקיזע אַרויסגעבראַכט פון זיך. אין איהר האט אויפגעפלאַמט די צעבעזעטקייט פון א קורטיזאנע.

— שווייג! — האט זי א געשריי געטהון. — איך וועל דיר ניט ערלויבען מיט מיר אזוי צו רעדען! איך בין כלל ניט ערגער פון אנדערע... יא, איך בין א קורטיזאנע, דאס איז אמת, נאר איך שעם מיך ניט דערמיט און דיינע עהרליכע פרויען זאָלען מיך ניט ווערט!

אזוי ווי פון דונער דערשלאָגען האט איוועטע ניט געוואגט זיך א ריהר" צו טהון און האט נאר אין שרעקען א טורמעל געטהון:

— אָ, מאמא!

נאר די מארקיזע האט זיך שוין מעהר ניט געקאָנט איינהאלטען, זי האט זיך אלץ מעהר און מעהר געהיצט:

— יא, יא, איך בין א קורטיזאנע! — האט זי כמעט געשריען. — נו איז וואס! ווען איך וואלט קיין קורטיזאנע ניט געוועזען, וואלסטו איצט געדיענט ערגעץ אלס קעכין, אזוי ווי איך האב אמאל געדיענט, מען וואלט דיר געצאָהלט דרייסיג סו א טאג, וואלסט געוואשען די געפעס און דיין בעל-הבית'טע וואלט דיך געשיקט אין מארק איינצוקויפען, פערשטעהסט!... און וואלסטו ניט געפאלגט, וואלט מען דיך נאטירליך גלייך פון שטוב ארויס-געיאָגט, און איצט טהוסטו דיר גאנצענע טעג גארניט, דערפאר וואס איך בין א קורטיזאנע! פערשטעהסט? אז מען האט ניט קיין גראָשען ביי דער נשמה, מוז מען שוין ווי עס איז איינאָרדנען אונזער שיקזאל, אויב מען וויל ניט די גאנצע יאהרען אָבלעבען ווי א קבצנ'טע; און פאר מענשען פון אונזער סארט איז קיין

אנדער ברירה נישטא, דו פערשטעהסט, א דיענסט האט קיין ברירה נישט! פון טאג-לויהן און פון נעהען קאן מען נישט רייך ווערען... מיר האבען נישט קיין אנדער זאך אויסער אונזער קערפער!

זי האט זיך געשלאגען אין ברוסט, ווי א זינדערין, וואס איז זיך מתיודה. זי איז געוועזען שטארק אויפגערעגט, זעהר רויט און איז אלץ נעהנטער און נעהנטער צוגעגאנגען צו דער טאכטערס בעט.

— אויב מען איז שען, מוז מען די שענהייט אויסנוצען, לעבען דורך איהר, אדער דאס גאנצע לעבען ליידען פון נויט, דאס גאנצע לעבען... קיין אנדער ברירה איז נישטא!

— און דו מיינסט, אז זיי ענטזאגען זיך פון ליעבע, אט די דאזיגע עהרליכע פרויען? — האט זי וויטער גערעדט, צוריקקומענדיג צו איהר ערשטען געדאנקען. — ניין, אט גראד זיי זענען שוין אויף אנ׳אמת פערדארבען, זיי צווינגט דאך נישט קיינער און קיין זאך! זיי האבען געלד, זיי לעבען אין פערגניגען, לעבען לוסטיג און נעהמען זיך געליעבטע אויס תאוה, אויס פערדארבענהייט...

זי איז געשטאנען פאר איוועטע׳ס בעט, און דאס יונגע מערעל איז פון שרעק דוכט זיך גרייט געוועזען צו רופען צו הילף ערגעץ אנטלויפען, און האט הויך געוויינט, ווי עס וויינען קינדער, ווען מען שלאגט זיי.

די מארקיזע איז פערשוויגען געווארען, א קוק געטהון אויף די טאכטער, און זעהענדיג איהר טיעפע פערצווייפלונג, האט זי פלוצלונג דערפיהלט געוויסענביסען, א שטראם פון צערטליכקייט, אומעטיגקייט, רחמנות... זי האט זיך אראבגעלאזט אויפ׳ן בעט, אויסגעשפרייט איהרע ארעמס און שלאכצענדיג געמורמעלט:

— מיין טייערע, מיין קליינע, מיין טעכטערל, מיין ליעבע, א, ווען דו וואלסט געוואוסט, ווי מיר איז אליין שווער!

זיי האבען לאנג לאנג געוויינט צוזאמען, זיך האלטענדיג ארומגענומען.

דאַן איז די מאַרקיזע זאַנפט אויפגעשטאַנען און שטיל געזאָגט:

— יאָ, מיין קינד, מ'האָט קיין ברירה נישט, מען קאָן נישט בעסער מאַכען, מען מוז שלום מאַכען מיט'ן לעבען!

איזועטע האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען. דער דאָזיגער קלאַפּ איז געוועזען אַזוי שטאַרק און אַזוי אונגעריכט פאַר איהר, אַז זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט זיך בערוהיגען און צו זיך קומען.

— נו, שטעה אויף, מיין טייבעלע! מיר וועלען געה-פריהשטיקען, כדי קיינער זאָל גאָרנישט בעמערקען, — האָט די מאַרקיזע געזאָגט.

נאָר דאָס יונגע מעדעל האָט ווי פריהער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין און נישט געקאָנט קיין וואָרט אַרויסרעדען.

— ניין, מאַמאַ! — האָט זי ענדליך געזאָגט מיט אַ וויינע-דיגער שטימע. — איך האָב דיר שוין איין מאָל געענטפערט און וועל אין קיין פאַל מיין בעשלוס נישט אומבייטען. איך וועל פון מיין צימער נישט אַרויסגעהן, ביז זיי וועלען אַוועקפאָהרען. איך וויל נישט מעהר זעהן די דאָזיגע העררען, אין קיין פאַל און קיינמאָל!... און אויב זיי וועלען ווידער קומען, אַזוי וועל איך... איך... וועסטו מיך מעהר נישט זעהן!

די מאַרקיזע איז שוין מיער געוועזען פון פיעל אויפרעגען, זי האָט בכלל נישט געקאָנט לאַנג טרויערן. זי האָט אָבגעווישט די אויגען און שטיל געזאָגט.

— נו, זיי נישט קיין עקשענטע... בעקלער זיך, זיי אַ קלוגע!... — דאַן האָט זי אין אַ מינוט אַרום צוגעגעבען:

— איבריגענס, אפשר איז טאַקי בעסער, זאָלסט נישט אויפשטעהן און זיך גוט אויסרוהען. איך וועל אַריינקומען נאָך פריהשטיק זעהן, וואָס דו מאַכסט.

זי האָט אַ קוש געטהון די טאָכטער אין שטערען און איז געגאַנגען זיך אָנקליידען, שוין פיעל בערוהיגטער. ווי נאָר די מאַרקיזע איז פון צימער אַרויס, איז איזועטע פון בעט אַראָבגעשפרונגען, זיך אַלאַז געטהון צו דער טהיר און זי פערריגעלט

כדי צו בלײַבען אײנע אלײן; דאן האט זי זיך װידער געלעגט און זיך פערטראַכט װעגען דעם, װאס איז געשעהן.

א יונגער עלף האט די דינסט אנגעקלאפט צו איהר אין צימער און געפרעגט:

— די מאדאם האט געהייסען פרעגען, צי װילט איהר נישט עפּעס און װאס זאל מען איהך געבען צום פריהשטיק?

— איך װיל נישט עסען, — האט איװעטע געענטפערט, — זאגט, אז מען זאל מיך לאזען צורוה!

און זי איז װירקליך נישט אויפגעשטאנען פון בעט, װי זי װאלט אין אמת'ען קראנק געװען.

דרײַ דעם זײגער האט מען װידער אנגעקלאפּט.

— װער איז דארט? — האט איװעטע געפרעגט.

— דאס בין איך, קינד, געקומען זעהן, װאס דו מאכסט!...

איװעטע האט דערקענט דער מוטערס שטימע. זי האט נישט געװאוסט, װאס זאל זי ערװארטען און װאס זי זאל טהון. דאן האט זי בעשלאסען צו עפענען די טהיר און זיך װידער געלעגט.

— נו װאס, דיר איז בעסער? — האט די מארקיזע געפרעגט שטילערהייד, װי מען רעדט מיט א געזונד-װערענדען, און איז צוגעגאנגען צום בעט. — װילסט אפשר א אייעלע עסען?

— נײן, איך דאנק, איך װיל גאר נישט.

מאדאם אבארדי האט זיך געזעצט נעבען בעט. אי מוטער אי טאכטער האבען געשװיגען.

איװעטע האט זיך אפילו נישט בעװעגט און איז געלעגען אויסגעצויגען װי א טויטע.

— אפשר װאלסטו שוין אויפגעשטאנען? — האט די מאר- קיזע געפרעגט.

— יא, איך װעל באלד אויפשטעהן, — האט איװעטע געענטפערט און צוגעגעבען מיט א ערנסטען, כמעט פייערליכען טאן:

— איך האב פיעל געקלערט, מאמא, און... האב בעשלאסען

פאָלגענדעס: די פערגאַנגענהייט בלייבט פערגאַנגען, מיר וועלען מעהר נישט רעדען וועגען איהר. נאָר אין דער צוקונפט מוז אַלץ אַנדערש ווערען... און אויב נישט... אויב נישט... ווייס איך שוין, וואָס מיר בלייבט צו טהון. און איצט גענוג וועגען דעם, מעהר וועלען מיר נישט רעדען.

די מאַרקיזע האָט אַזעלכע ערקלערונגען נישט ערוואַרט און האָט זיך ווידער עטוואָס צעבייזערט. — דאָס איז שוין צו פיעל, — האָט זי אַ קלער געטהון, — דאָס דאָזיגע ערוואַקסענע נאַאיווע קינד האָט שוין פון לאַנג געדאַרפט פערשטעהן דעם אמת...— נאָר זי האָט זיך איינגעהאַלטען, גאָר נישט געענטפערט דער טאָכ- טער און נאָר געזאָגט צו איהר:

— דו שטעהסט אויף?

— יאָ, איך וועל זיך באַלד אָנטהון.

די מוטער האָט אַזוי ווי אַ דיענסט צוגעהאָלפען דער טאָכ- טער; געבראַכט איהר די זאָקען, דעם קאָרסעט, די קליידלעך; אַלץ פערשפילעט, אַלץ צו רעכט געמאַכט.

— ווילסט זיך אפשר אַביסעל דורכגעהן פאַר מיטאָג?

— יאָ, מאַמאַ.

זיי זענען געגאַנגען שפּאַציערען אויפ'ן ברעג פון טייך און די גאַנצע צייט האָבען זיי נאָר גערעדט וועגען סאַמע באַנאַלע אונ- בעדייטענדע זאַכען.

IV

אויפ'ן צווייטען טאָג איז איוועטע באַלד אין דער פריה גע- גאַנגען אין וואַלד אויף דעם זעלבען אָרט, וואו סערוויני האָט איהר געלייענט די לעבענס-בעשרייבונג פון די מוראַשקעס.

— איך וועל נישט אוועקגעהן פון דאַנען, ביז איך וועל נישט אָננעהמען עפּעס אַ בעשלוס! — האָט זי פעסט געזאָגט צו זיך.

פאַר איהר, איהר צו פיסען, האָט אַ טייך געפליעסט; גראָד אין דעם אָרט האָט ער זיך אויסגעדרעהט אָן אַ זייט, און דערי- בער איז דער שטראָם געווען בעזונדער האַסטיג, רוישיג, אַזוי אַז

אויפ'ן וואסער האָבען זיך כסדר געבילדעט קליינע וואסער־קרייזען.

דאָס יונגע מעדעל האָט שוין געהאַט פריהער בעטראַכט איהר לאַגע פון אַלע זייטען און אַלע מעגליכע אויסגאַנגען פון איהר.

ווי, אויב איהר מוטער וועט ניט איינשטימען אויף איהרע בעדינגונגען, וועט זיך נישט אָבזאָגען פון פריהערדיגען לעבען און וועט נישט וועלען אָוועקפאָהרען מיט איהר ערגעץ ווייט, ווייט?

איוועטע וואָלט נאַטירליך געקאָנט אַליין אַוועקפאָהרען, אַנטלויפען... נאָר וואוהין און ווי אַזוי? פון וואָס וועט זי לעבען? אַרבייטען? נאָר צו ווען זאָל זי זיך ווענדען, כדי צו געפינען אַרבייט? דערצו נאָך האָט דאָס בעשיידענע, נישט פרעהליכע לעבען פון פראָסטע מענשען זיך איהר אויסגעוויזען צו קאַלט, פאַר איהר אונווירדיג. איוועטע האָט אַ קלער געטהון, צי זאָל זי נישט ווערען אַ גוּווערנאַנטין. אין די ראָמאַנען האָט זי גאַנץ אָפט געלייענט, ווי די עלטערע זיהן פון גבירים פאַרליבען זיך אין פאַרנעהמע, נאָר אָרעמע גוּווערנאַנטינס פון זייערע יונגערע שוועסטער און ברידער, און סוף כל סוף האָבען זיי חתונה מיט זיי. אפשר וואָלט זי אויך געקאָנט אויף אַזאַ אופן חתונה האָבען? נאָר צו דעם צוועק וואָלט זי געדאַרפט אַליין זיין פון אַ פאַרנעהמער פאַמיליע, כדי ווען די עלטערן פון דעם יונגען מאַן וועלען איהר מאַכען פאָרווירפע, זאָל זי האָבען דאָס רעכט צו ענטפערן:

— פערגעסט נישט, אַז איך הייס איוועטע אָבאַרדי! —

איצט אָבער האָט זי מיט דעם נאָמען נישט געקאָנט שטאָלצירען, און אויסער דעם איז אַזאַ מיטעל חתונה צו האָבען שוין געווען צו באַנאַל און אויסגעניצט.

נאָך באַנאַלער האָט זיך איהר אויסגעוויזען דער געדאַנקען צו ווערען אַ מאָנאַשקע. בפרט נאָך אַז איוועטע האָט כלל נישט געפיהלט קיין בערוף צו אַ פרומען נאָנען־לעבען. זי איז געווען פרום און גאָטספורכטיג נאָר צייטענווייז, ווען די פרומקייט איז איהר אָנגעפאַלען... חתונה האָבען מיט איהר און דורכדעם זי רעטען פון דעם דאָזיגען לעבען האָט קיינער, נאַטירליך, נישט

געקאָנט. דאָס האָט זי איצט גאַנץ גוט געוואוסט... הייסט עס, אז זי האָט קיין אויסגאַנג נישט, קיין רעטונג..

אויסער דעם האָט זיך איהר געוואָלט טהון עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין אויסערגעוועהנליך ענערגיש, וואָס וואָלט געקאָנט דיענען אלס ביישפּיעל פאַר אנדערע, און דעריבער האָט זי בעשלאָסען, אז זי מוז שטאַרבען.

דער דאָזיגער געדאַנקען איז איהר אין קאָפּ געקומען עפּעס פּלוצלונג און זי האָט זיך בעשלאָסען דעריוף גאַנץ רוהיג, אזוי ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען עפּעס א רייזע... איוועטע האָט נישט אַרומגעקלערט אז די דאָזיגע פרעג זי האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט דעם טויט, נישט געטראַכט וועגען דעם, אז דער־מיט ווערט געמאַכט צו אַלעם א סוף און דאַן קאָן מען שוין צוריק נישט האַפען, אז זי וועט זיך אויף אייביג מוזען געזעגענען פון אַלץ אין דער וועלט.

זי האָט זיך בעשלאָסען אויף דאָס דאָזיגע לעצטע מיטעל מיט דער לייכטזיניגקייט פון איהר יונגער, צעהיצטער נשמה, און האָט אָנגעהויבען אַרומטראַכטען, אויף וואָס פאַר א אופן וועט זיין צום בעסטען זיך דאָס לעבען צו נעהמען.

אַלץ האָט זיך איהר אויסגעוויזען שווער אויסצופיהרען, צו שמערצליך און עקעלהאַפט. באַלד האָט זי זיך ענטזאַגט פון דעם געדאַנקען זיך צו דערשטעכען מיט א שווערד, אָדער זיך צו דער־שיעסען, — ווייל ביידע זאַכען האָבען געפאָדערט געוויסע קענט־ניש און א זיכערע האַנד. איוועטע האָט מורא געהאַט, טאָמער וועט זי זיך נאָר פערוואונדען, זיך מאַכען פאַר א קאַליקע, נאָר בלייבען לעבען. אויך האָט זי נישט געוואָלט הענגען זיך, ווייל דער דאָ־זיגער זעלבסט־מאָרד איז צו געמיין און אונשען און פּאַסט נאָר פאַר קבצנים... דערטרינקען זיך האָט איוועטע נישט געקאָנט, ווייל זי איז צו גוט געשוואומען. בלייבט איהר הייסט עס נאָר צו סמ'ען זיך, אָבער מיט וואָס? כמעט אַלע גיפטען ערוועקען א ברעכעניש און פערשאַפען אונערטרעגליכע ליידען. און איוועטע האָט נישט געוואָלט האָבען די אַלע מיאוסע זאַכען און נישט גע־

גוואַלט לײַרען. דאַן האָט זי זיך דערמאָהנט, אַז נישט לאַנג האָט געלײַענט, ווי אײן יונגע פרוי האָט זיך אײַנגעשלעפערט מיט חלאָראָפאָרם און איז שוין מעהר נישט צוריקגעקעהרט צו'ם לעבען.

איוועטע האָט זיך שרעקליך דערפרעהט מיט איהר בעשלום און האָט נישט ווילענדיג זאָגאַר אָנגעהויבען צו שטאָלצירען מיט איהם. — ווענינגסטענס וועלען זיך אַלע דערוויסען, אַז איך בין געווען אַ עהרליך, גוט מעדעל און האָב אין אַזאַ סביבה נישט געקאָנט לעבען! — האָט זי געזאָגט צו זיך.

זי איז צוריקגעקומען אין בוזשיוואַל און זיך געלאָזט גלײַך אין אַ אַפטײַק אַרײַן, דאָרט האָט זי געבעטען אַביסעל חלאָראָפאָרע; כלומר'שט צו צײַהן-וועהטאָג. דער אַפטײַקער האָט זי געקאָנט און איהר געגעבען אַ גאַנץ קלײַן גלעזעלע נאַרקאָטיק.

פון דאָרט איז דאָס יונגע מעדעל אַוועק צו פוס אין קרואַסס און דאָרט האָט זי זיך פערשאַפט אַ צווײַט גלעזעלע גיפט. דערנאָך האָט זי בעקומען נאָך אַ דריטס און אַ פירטס אין שאַטו און ריעל און איז צוריקגעקומען אַהײם, שטאַרק פערשפעטיגט צו'ם פריהשטיק. זי האָט זיך זעהר אויסגעהונגערט, נאָך אַזאַ גרויסען שפּאַציער, און האָט געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט.

די מאַרקיזע האָט מיט פערגניגען בעמערקט איהר טאָכטערס וואוילען אַפּעטיט און האָט זיך פאָלשטענדיג בערוהיגט בנוגע צו איהר, אַזוי אַז ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון טיש האָט זי זאָגאַר געזאָגט:

— זונטאָג וועלען מיר האָבען געסט, איך האָב אײַנגעלאַדען דעם פירשט קראַוואַלאָוו, דעם קאַוואַלער וואַלרעאַלי און דע בעלוויני... אַזוי וועלען מיר די גאַנצע קאָמפּאַניע האָבען קאָמפּלעט.

איוועטע איז עטוואָס בלאַס געוואָרען, און גאָרנישט געענטפערט.

זי איז כמעט גלײַך פון שטוב אַרויס, דערגאַנגען ביז צום פאָקזאַל, גענומען אַ בילעט און אַוועקגעפאָהרען אין פּאַריז.

אין שטאָדט איז זי אַ גאַנצען טאָג געגאַנגען פון אײן אַפּטײַק אין אַנדערן און אומעטום געקויפט עטליכע טראָפּען חלאָראָפאָרם.

שוין פאַרנאַכט צײַט איז איוועטע צוריקגעקומען מיט זעהר

פיעל זועלבע קליינע גלעזעלעך.

אויף צו מארגענס האט זי ווידער א מאל ארומגעוואנדערט איבער די פאריזער אפטייקען, און צו ענדע איז זי צופעליג אריין אין איין אפטייק־סקלאד, וואו מען האט איהר מיט א מאל גע־געבען א פיערטעל ליטר חלאראפארם.

שבת איז דאס יונגע מעדעל געבליבען אין דערהיים; עס איז געוועזען א ווארעמער, פערוואלקענטער טאג. איוועטע האט זיך בעקוועם אויסגעלעגט אויף א סאפע אויף דער טעראסע און ביז סאמע אווענד האט זי זיך פון ארט נישט גערירט.

זי האט נישט געטראכט וועגען קיין זאך, געוועזען רוהיג און אהן שרעק געווארט דעם מארגענדיגען טאג, זייענדיג פעסט בע־שלאסען צו שטארבען.

זונטאג האט איוועטע באלד אין דער פריה אנגעטהון א פראכטפולע קלייד; זי האט געוואוסט, אז די דאזיגע קלייד פאסט איהר זעהר און האט געוואלט זיין ווי מעגליך אינטערעסאנטער.

— מארגען וועל איך שוין זיין טויט, — האט זי פלוצלונג געזאגט צו זיך, ווערענד זי האט געקוקט אין שפיעגעל, און נישט ווילענדיג איז זי אינגאנצען אויפגעציטערט געווארען; — טויט!... יא, איך וועל שוין נישט רעדען, נישט קלערען און קיינער וועט מיך שוין קיינמאל נישט דערזעהן! איך וועל אליין אויך שוין נישט זעהן מעהר קיין זאך!...

איוועטע האט אויפמערקזאם בעטראכט איהר געזיכט, אזוי ווי זי וואלט עס ביז איצט קיינמאל נישט געזעהן; בעזונדערס האבען זי פעראינטערעסירט די אויגען, זיי האבען זיך איהר אויס־געוויזען עפעס ווי אנדערע, אונבעקאנטע, און בכלל האט זי אין זיך געפונען זעהר פיעל קלייניגקייטען, וואס זי האט פריהער קיינ־מאל נישט בעמערקט, און האט זיך געוואונדערט אויף זיך אליין.

— יא, דאס בין איך, איך!.. — האט דאס יונגע מע־דעל געזאגט צו זיך, שאקלענדיג מיט'ן קאפ צו איהר געשטאלט אין שפיעגעל. ווי לעכערליך דאס איז, צו קוקען אויף זיך אליין, און דאך ווען עס וואלטען קיין שפיעגלען נישט געווען, וואלט זיך דאך קיינער נישט געקאנט זעהן! דאן וואלטען אלע געקענט פרעמ־

דע געזיכטער, נאָר ווענען דאָס אייגענע וואָלטען זיי קיין בעגריף ניִשט געהאַט!

איִוועטע האָט פּאַנאַנדערגעלאָזט איִהרע לאַנגע וואונדערשענע האָר און זיי צעשאָטען אויף די אַקסלען; זי האָט אויפמערקזאם בעאָבאַכטעט יעדע בעוועגונג איִהרע, יעדען זשעסט איהרען און ניִשט ווילענדיִג אַ קלער געטהון:

— ווי שען איך בין. און מאָרגען וועל איך שוין דאָ ליִעגען אויפ'ן בעט א טויטע.

זי האָט אַ קוק געטהון אויף דאָס בעט און זיך קלאָר פאָרגעשטעלט איִהר אויסגעצויגענעם, פערפרוירענעם טוידטען קערפּער.

— איך וועל שטאַרבען... און אין אַכט טעג אַרום וועט דאָס דאָזיגע געזיכט, די דאָזיגע אויגען, די דאָזיגע באַקען פערפוילט ווערען דאָרט, אין אַ ענגען קאַסטען, טיִעף אין דער ערד, וועלען פערוואַנדעלט ווערען אין עפּעס שרעקליִכעס, שוואַרצעס, עקעלהאַפטעס...

איִוועטעס הארץ האָט זיך צוזאַמענגעדריִקט פאַר שרעק...

העלער זונענשיין האָט בעגאָסען די גאַנצע אומגעגענד און אַ ווייכע, וואַרעמע מאָרגענלופט האָט זיך שטראָמענווייז דורך דאָס פענסטער אַריינגעריִסען.

דאָס יונגע מעדעל האָט זיך צוגעזעצט צום פענסטער און זיך פערטראַכט וועגען טויט. שטאַרבען!... הייסט עס, אַז די גאַנצע וועלט וועט פאַר איִהר אַזוי ווי פערשוואונדען ווערען; ניין, ניין, קיין זאַך וועט נישט אומגעביטען ווערען, אַלץ וועט בלייבען ווי פריִהער, אַפּילו איִהר ציִמער... יאָ, דער דאָזיִגער צימער וועט בלייבען אַזוי ווי איִצט, עס וועלען דאָ שטעהן דאָס זעלבע בעט, די זעלבע שטוהלען, דער זעלבער טואַלעט... נאָר זי אַליין וועט שוין ניִשט זיין, זי וועט אַוועקגעהן אויף אייביִג, און אויסער דער מוטער וועט זי אַפּילו קיינער ניִשט בעדויערן. מען וועט אפשר זאָגען: „ווי שען זי איז געווען!“ און מעהר נאָר ניִשט.

איוועטע האט א קוק געטהון אויף איהרע שענע אויסגעצויגענע הענד און נישט ווילענדיג ווידער א קלער געטהון, ווי עקעלהאפט עס זעהט אויס א פוילענדער קערפער. ווי שווארץ, ווי שרעקליך איז דאס פוילעניש, און וואס זי וועט פערוואנדעלט ווערען. דאס יונגע מעדעל איז ווידער אינאנגצען אויפגעציטערט געווארען פאר שרעק און האט נאך אלץ נישט געקאנט פערשטעהן, ווי וועט דאס זי אליין אויפהערען צו עקזיסטירען, ווערהענד אלץ ארום איהר וועט בלייבען ווי פריהער און די גאנצע ערד וועט נישט אומפאלען, נישט פערשווינדען... דען איהר האט זיך אזוי קלאר אויסגעוויזען, אז זי איז א טייל פונ'ם גאנצען לעבען, א טייל פון דער לופט, פון דער זון, פון דער גאנצער וועלט.

אין גארטען האט זיך דערהערט א הויך געלעכטער, עמיצענס שטימען, געשרייען, יענע גאנצע שטורמישע פרעהליכקייט, וואס מען בעקומט בשעת לוסט-רייזען אין דארף.

„אט בין איך דא אונטער דיין פענסטער.
אח! בעוויליג שוין ענדליך צו ערשיינען!"

האט א זינג געטהון דע-בעלוויני'ס קלאנגפולע שטימע.

איוועטע איז מעכאניש אויפגעשטאנען און ארויסגעקוקט פון פענסטער. עס האבען זיך דערהערט רוישיגע אפלאדיסמענטען. דארט אונטען איז געשטאנען די גאנצע מחנה פון איהרע פערעהרער און עפעס נאך צוויי איהר אונבעקאנטע הערען.

דאס יונגע מעדעל האט זיך שנעל אבגעקעהרט פון פענסטער. איהר הארץ איז צעריסען געווארען ביי דעם איין געדאנקען, אז אט די אלע מענער זענען געקומען א לעב טהון צו איהר מוטער דער קורטיזאנע.

מען האט אנגעקלונגען צו פריהשטיק.

— איך וועל זיי ווייזען, ווי מען דארף צו שטארבען, — האט איוועטע צו זיך געזאגט און איז אריין אין עסצימער מיט פעסטע, ענטשלאסענע טריט, און אויסגעזעהן האט זי אזוי, ווי א מאל די קריסטליכע געפייניגטע פרויען, ווען זיי זענען אויפגעטרעטען אויף דער ארענע פון צירק, וואו לייבען האבען שוין געווארט אויף זיי.

זי האָט זיך געװיטעט מיט אַלעמען מיט אַ גאַנץ ליעבליבען, נאָר עטוואָס גאוה'דיגען שמײכעל אויף די ליפּען.

— נו, מאַמזעל, הײַנט זענט איהר שוין נישט אַזאַ פערגרימצאַרענטע? — האָט סערוויני זי געפרעגט.

— הײַנט װעל איך הוליען אויף װאָס די װעלט שטעהט, — האָט איװעטע געענטפערט עפּעס מיט אַ מאָדנעם, כמעט שטרענגען טאָן. — מיך האָט בעהערשט אַ פּאַריזער שטימונג. היט זיך! מאַלוואואַזי, איהר װעט זײַן מײַן פּ אַ ט י ט אַ, — האָט זי צוגעגעבען, געװענדעט צו דע־בעלװין. — נאָך פריהשטיק װעל איך אײַך אַלעמען פיהרען אויף אַ יום טוב אין מאַרלי.

אין מאַרלי איז יענעם טאָג װירקליך געװען אַ יום טוב. איװעטע'ן האָט מען פאָרגעשטעלט די צװײ נײַע געסט, דעם גראַפדע טאַמען און דעם מאַרקיז דע בריקעטאָ; דאַן האָבען זיך אַלע געזעצט צו'ם טיש.

דאָס יונגע מעדעל האָט כמעט נישט געשמועסט בײַ'ם פריהשטיק, זי האָט אײַנגעשפּאָרט איהרע קרעפטען, כדי זיך צו צווינגען צו זײַן ווי מעגליך פרעהליכער בשעת דעם שפּאַציער; דאַן װעלען שפּעטער זיך אַלע װאונדערן אויף איהר טויט און מען װעט זאָגען:

— װעמען װאָלט דאָס געקאָנט אײַנפאַלען? זי האָט אויסגעזעהן אַזוי פרעהליך, אַזוי גליקליך! װירקליך, מען קאָן קײנמאָל נישט װיסען, װאָס בײַ יענעם אין האַרצען טהוט זיך!

איװעטע האָט זיך בעמיהט נישט צו טראַכטען װעגען אָװענד; זי האָט געװאוסט, אַז אַלץ מוז געשעהן נאָך מיטאָג, װען מען װעט דערלאַנגען קאַװע אויף דער טעראַסע, נאָר איצט האָט זי בעשלאָסען צו פערטרײַבען פון זיך די געדאַנקען װעגען טויט.

דאָס יונגע מעדעל האָט אומישנע געטרונקען װאָס מעהר װײַן, כדי זיך צו ערמונטערן און זיך בעטויבען; זי האָט זאָגאַר אויסגעטרונקען צװײ גלעזלעך קאָניאַק און איז אײַפגעשטאַנען פון טיש אײַנגאַנצען אַ רויטע, מיט אַ שטאַרק צעהיצטען קאָפּ; איהר האָט זיך געדוכט, אַז איצט איז זי שוין פאָלשטענדיג גרײט צו אַלעם און װעט פאַר קײן זאַך קײן אנגסט נישט בעקומען.

— נו, אין וועג, אין וועג אריין, מיינע העררען! — האָט איוועטע אויסגעשריען און געגומען אונטערן האַנד דע בעלווינ'ען און אויך די איבעריגע האָט זי אַליין אויסגעשטעלט, וואו ווער זאָל געהן.

— איהר וועט זיין מיין מיליטער! סערוויני, אייך מאַך איך פאַר אַ סערזשאַנט! געהט בעזונדער פון דער רעכטער זייט. פאַראוים זאָל געהן די אויסלענדישע גוואַרדיע, אונזער פירשט און קאַוואַלער וואַלרעאַלי, און פון הינטעןביידע פרישע סאָלדאַטען, זיי טרעטען פון היינטגען טאָג אָן אין דיענסט אַריין. נו... פאַרווערטס!

און זיי האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין. סערוויני האָט זיך שטאַרק בעמיהט צו שפּיעלען גוט זיין ראָלע פון אַ סערזשאַנט און די צוויי פרישע האָבען געקנאַקט ווי אין פויקען און געמאַכט מיט די הענד, ווי זיי וואָלטען מיט זיי געשפּיעלט.

— מאַדמואַזעל איוועטע, הערט אויף, זייט פערשטענדיג, איהר קאָמפּראָמיטירט זיך! — האָט שטיל איינגערוימט דע בעלווין, שטאַרק פערלעגען פון אַט דער גאַנצער שטיפעריי.

— איהר מיינט געוויס צו זאָגען, אַז איך קאָמפּראָמיטיר אייך, רעזינע, — האָט איוועטע געענטפערט. — פאַר זיך זאָרג איך מיך נישט, מיר איז אַלץ איינס!.. מאָרגען וועט שוין קיינער זעגען דעם נישט געדענקען... און פאַר אייך, גוט אַזוי אויף אייך!... האָט איהר נישט געדאַרפט געהן שפּאַציערען מיט אַזעלכע פערזאָנען ווי איך!...

זיי זענען מיט גערויש און געפּילדער דורכגעגאַנגען בוזשיוואַל און געבראַכט דאָרט אין העכסטע ערשטוינונג די שפּאַציערענדע; אַלע האָבען זיך אויף זיי אומגעקוקט, זאָגאַר אויף די באַלקאָנען איז מען אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טהון, וואָס איז דאָס פאַר אַ גערויש. גראָד אין דער צייט איז געגאַנגען אַ צוג פון ריעל קיין מאַרלי. די מאַנסלייט האָבען זייערע קעפּ פון די פענסטער אַרויסגעשטעקט און געשריען צו זיי פערשיעדענע ווערטלעך. ס'איז געוועזען קענטיג, אַז זיי האָבען איוועטע'ן געהאַלטען פאַר אַ טויד פון לייכטזיניגער אויפפיהרונג. זי איז געגאַנגען פאָרויס מיט מי-

ליטעריִשע טריט און נאָכגעשלעפּט פאַר דער האַנד בעלוויִנ׳ען, אַזוי ווי אַ געפאַנגענעם. דאָס יונגע מעדעל האָט ניִשט געלאַכט; אין איִהר בלאַסען געזיִכט איז געווען עפּעס גרויזאַמעס. צײַטענווײַז האָט סערוויִני אויפגעהערט צו טרומײַטערן און הויך געקאָמאַנדעוועט. דער פיִרשט און וואַלרעאַלי זענען זעהר לוסטיִג געווען און האָבען געהאַלטען אָט די גאַנצע שטיִפעריַי פאַר זעהר אָריגיִנעל און פון סאַמע בעסטען טאָן. די איִבעריִגע צוויי האָבען די גאַנצע צײַט פאַרגעשטעלט פון זיִך פּויקען.

אָט די גאַנצע רוישיִגע קאָמפּאַניע האָט אָנגעמאַכט אַ סענסאַציע אויפ׳ן יום טוב איִן מאַרליִ; די גאַסען-מעדלעך האָבען זיי אַפּלאָדיִרט; די מאַנסלײַט האָבען געלאַכט. עפּעס אַ דיִקער הערר נעהענדיג געאַרעמט מיִט זײַן פרוי, האָט מיִט קנאה איִסגעשריִען:

— אָט די וועניִגסטענס לאַנגווײַליִגען זיִך ניִשט!

איִוועטע איז צוגעגאַנגען צו׳ם קאַרוסעל מיִט די האָלצערנע פערד, אַלײַן אַרויפגעשפּרונגען אויף איינס פון זיי און געצוואונגען בעלוויִנ׳ען זיִך צו זעצען נעבען איִהר, און אַלע איִבעריִגע האָט זי פאַרווײַז אויסגעזעצט היִנטער זיִך. ווען דער קאַרוסעל האָט זיִך אויפגעהערט צו דרעהען, האָט דאָס יונגע מעדעל געזאָגט, אַז איין מאָל איז פאַר איִהר וועניִג, אַז זי וויִל נאָך אַמאָל פאָהרען, און אַזוי האָט זי פיִנף מאָל נאָכאַנאַנד זיִך געדרעהט אויף די דאָזיִגע קיִנדערשע האָלצערנע פערדלעך, מיִט וואָס די גאַנצע פערזאַמעלטע מאַסע האָט זיִך שטאַרק געפרעהט. דע בעלוויִנ׳ען איז שיִער ניִשט גוט געוואָרען און ער איז אַראָבגעקראָכען פון פערד איִנגאַנצען אַ צעבראָכענער.

דערנאָך האָט איִוועטע אַלעמען געפיִהרט בעקוקען דעם יריד. זי האָט איִהרע קאַוואַלערען בעפוילען זיִך אָבצוועגען, צוויִשען די געשרײַען און וויִצלען-זיִך פון פיִעל צושויער. דערנאָך האָט זי זיי געצוואונגען אָנצוקויפען אַלערליי נאַריִשקײַטען און טראָגען פערשיִעדענע מיאוסע שפּיִעל-צײַג. דער פיִרשט און וואַלרעאַלי האָבען אָנגעהויבען אײַנצוגעפיִנען, אַז איִוועטע האַפּט שוין איִבער די מאָס און אַז די דאָזיִגע גאַנצע שטיִפעריִשע פּראָצעסיע דויערט שוין צו לאַנג. נאָר סערוויִני און די צוויי פריִשע זענען נאָך אַלע

װי פריהער נישט אָבגעשטאַנען און טאַפּפער זײערע ראָלען ערפילט.

אַזױ זענען זײ דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע דאָרף. בײ׳ם סוף דאָרף האָט זיך איװועטע אָבגעשטעלט און בעקוקט איהר סוויטע מיט אַ שטרענגען בײזען בליק; און פּלוצלונג איז איהר אין קאָפּ אַרײַן אַ װילדע פאַנטאַזיע, — זי האָט זײ געהײסען זיך אױסשטעלען אױפ׳ן ברעג פון טײַך און האָט הױך אױסגעשריען:

— זאָל יעדער פון אײַך, װאָס ליעבט מיך מעהר װי אַלע, זיך גלײַך אין װאַסער אַרײַנװאַרפען!

קײנער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. הינטער זײ האָט זיך װידער פערזאַמעלט אַ מאַסע נײַגיעריגע מענשען. די פרױען און װײַסע פאַרטוכער האָבען מיט שרעק אױף איװועטע׳ן געקוקט. אײניגע סאָלדאַטען האָבען הױך און נאַריש געלאַכט.

— נו איז װאָס? ציטערן װאָס קײנער פון אײַך נישט בעשליעסען זיך אָבצושרעקן, כדי מײַן װאונש צו ערפילען? — האָט איװועטע װידער אַ געשרײ געטהון.

— אָ... זאָל זײַן װאָס עס װיל זיך!...— האָט סערװיני אַ מורמעל געטהון און אַזױ װי ער איז געשטאַנען איז ער אין טײַך אַרײַנגעשפרונגען.

דאָס װאַסער האָט אַ שפּריץ געטהון אױף אַלע זײַטען, אײניגע טראָפּען זענען זאָגאר געפאַלען איװועטע׳ן צו די פיס. אין דער מאַסע האָט זיך דערהערט אַ געמורמעל פון פערװאונדערונג און אַ שטאַרק געלעכטער.

דאַן האָט דאָס מעדעל אױפגעהױבען פון דער ערד אַ שטיק ברעט און געגעבען אַ װאָרף אַרײַן אין טײַך אַרײַן.

— חאַפּ! — האָט זי אַ געשרײ געטהון נאָך העכער

סערװיני האָט זיך גלאָזט שװימען, דעריאָגט די אװעקשװימענדע שטיק ברעט, עס אָנגעכאַפּט מיט די צײהן װי אַ הונד, צוגעשװאומען צום ברעג, אַרױסגעקראָכען, זיך געשטעלט פאַר איװועטע׳ן אױף אײן קניע און איהר דערלאַנגט דאָס פײַכטע ברעטעל.

דאָס יונגע מעדעל האָט עס גענומען און איהם פרײַנדליך

א גלעט געטהון איבער די האר אזוי ווי א הונד.

— אח דו, מיין שענער יונג, — האט זי געזאגט.

עפעס א אלטע דאמע האט הויך אויסגעדריקט איהר צארן

— ווי מיאוס דאס איז... דאס איז שוין צופיעל!...

— ווי קאן מען זיך אזוי לוסטיג מאכען? — האט א צווייטע געזאגט.

— איך וואלט שוין נישט געקראכען אין וואסער אריין צו ליעב אזא אונפערשעמטע! — האט איינער פון די מאנסלייט בעמערקט.

איוועטע האט ווידער גענומען בעלווינ׳ען אונטער׳ן האנד און איהם א זאג געטהון גלייך אין פנים אריין:

— איהר זענט א נאר און איהר ווייסט אליין נישט, וואס איהר האט פערשפיעלט!

זיי זענען געגאנגען צוריק אין בושיוואל. דאס יונגע מעדעל האט בייז געקוקט אויף אלעמען, וואס זי האט בעגעגענט.

— וואס פאר א נארישע געזיכטער זיי האבען אלע! — האט זי געזאגט, דאן האט זי א קוק געטהון אויף איהר קאוואלער און צוגעגעבען: — איבריגענס, אייער געזיכט איז פיליייכט נאך נארישער!

דע בעלווין האט זיך שוויינענדיג פערנייגט. ווען זי האט זיך אומגעדרעהט, האט איוועטע בעמערקט, אז דער פירשט און וואלרעאלי זענען ערגעץ פערשוואונדען, סערוויני האט שוין מעהר נישט געשפיעלט די ראלע פון א סערזשאנט, נאר אומעטיג געקוקט אין א זייט, אינגאנצען נאס און מיעד. די פרישע האבען אויך אראפגעלאזט די נעזער און שוין מעהר נישט געקלאפט אין די פויקען.

— שוין גענוג פאר אייך? — האט זיך דאס יונגע מעדעל טרוקען צעלאכט. — נאר איהר האט דאך אליין ליעב אזא לוסטיגקייט!... צוליעב דעם זענט איהר דאך געקומען אהער... אט האב איך אייך אנגעשאטען גענוג לוסטיגקייט פאר אייער געלד.

מעהר האט זי קיין ווארט נישט צוגעגעבען, און פלוצלונג האט בעלווין בעמערקט, אז זי וויינט.

— וואָס איז אײַך? — האָט ער דערשראָקען געפֿרעגט.

— לאָזט מיך צורוה, דאָס איז נישט אײַער זאַך! — האָט איזועטע א מורמעל געטהון.

נאָר אוים נאַרישקייט האָט ער ווײַטער געפֿרעגט:

— אָ, מאַדמואזעל, זאָגט, וואָס איז אײַך? פֿילײַכט האָט אײַך עמיץ בעלעדיגט?

— צי וועט איהר שוין אמאָל אנטשוויגען ווערען? — האָט זי אוננעדולדיג א געשרײַ געטהון אויף איהם, נאָר מעהר האָט זי שוין נישט געקאָנט אײַנהאַלטען איהר פֿערצווייפֿעלטען פֿערדרוס און האָט זיך אזוי הויך צעוויינט, אז זי איז זאָגאר שטעהן געבלי-בען. זי האָט פֿערדעקט דאָס געזיכט מיט בײדע הענד און האָט זיך געוואָרגען, געשטיקט מיט איהר שטורמישען שלאָכצען, נישט קאָנענדיג ווייטער געהן.

בעלווין, א נאַר ווי ער איז געווען, איז געשטאַנען נעבען איהר און אַלץ וויעדערהאָלט:

— וואָס איז דאָס? פשוט איך פֿערשטעה גאָרנישט...

— לאָ'מיר געהן אהיים, מאַמזעל! — האָט סערוויני פלוצלונג שאַרף געזאָגט און גענומען איזועטע'ן אונטערן האַנד. — אויפֿ'ן גאַס איז נישט קײן אָרט צו'ם ווײנען! צו וואָס קלערט איהר אליין אוים אזעלכע אונזיניגע זאַכען, אויב זיי פֿערשאַפֿען אײַך שמערצען?

און ער האָט זי מיט געוואַלד ווייטער געפֿיהרט; נאָר בײַ'ם שהירעל פֿון גאָרטען פֿון איהר ווילע האָט זיך איזועטע אַרויסגע-ריסען און זיך לויפֿענדיג געלאָזט צו'ם הויז; זי איז פֿיל פֿון בויגען אַרויף אויף די טרעפ און זיך פֿערשלאָסען אין איהר שלאָפֿצימער.

דאָס יונגע מעדעל האָט זיך וויעדער בעוויזען ערשט צו מיטאָג, זי איז געווען זעהר בלאַס און זעהר ערנסט. דאָך זענען בײַ'ם טיש אַלע שרעקליך לוסטיג געווען; סערוויני האָט אין א קראַם זיך געקויפֿט א אַרבײַטער-קאָסטיום, אנשטאָט זײַן דורכגענע-געצטען אנצוג, און איצט האָט ער די גאַנצע צײַט גערעדט מיט'ן פֿאַלקס-זשאַרגאָן און איז געווען זעהר לעכערליך אין די מאַטעטשענע הויזען און קאָליִרטער העמדעל.

איִוועטע האָט געפֿיהלט, אַז איִהרע קרעפֿטען ווערען שוואַכער און האָט אונגעדיִלדיִג געוואַרט די ענדע פֿון מיִטאָג. זיִ איִז וויִעדער אַוועק צו זיִך, וויִ מען האָט נאָר קאווע דערלאַנגט. דאָס יונגע מערעל האָט געהערט פֿרעהליִכע שטיִמען פֿון דער טעראַסע. וואַלרעאַליִ האָט דערצעהלט געגוג אונאַנשטענדיִגע וויִצען, אַלס אויסלענדער האָט ער געמאַכט אונריִכטיִגע, גראָבע ווערטערשפּיִלען און אַליין געלאַכט פֿון זיִי.

איִוועטע האָט דאָס אַלץ געהערט מיִט פֿערצווייִפֿלונג איִן הארצען. סערוויִניִ האָט גאַנץ געלונגען נאָכגעמאַכט אַ שכּור'ען אַרבייטער און געדופֿען די מאַרקיִזע ניִשט אַנדערש וויִ „בּעל הבּית'טע״.

— ע, בּעל הבּית! — האָט ער פּלוצלונג אַ געשריי געטהון, געווענדעט צו סאַוואַל'ן.

אַלע האָבען זיִך הויך צעלאַכט.

דאַן האָט איִוועטע בּעשלאָסען, אַז ס'איִז צייט אַסוף צו מאַכען!... זיִ האָט גענומען אַ בּויגעלע פּאָסט־פּאַפּיִער און אָנגעשריִבען:

„בּוזשיִוואַל, זונטאָג, 9 אוהר אָווענד. איִך שטאַרב כּדי ניִשט צו ווערען קיין פֿערקויפֿטע געליִעבטע. איִוועטע.

און איִן פּאָסטסקריִפּטום האָט זיִ צוגעגעבען:

„אַדיע, ליִעבע מאַמאַ, און ענטשולדיִג״!

דאָס דאַזיִגע צעטעל האָט זיִ אַרייִנגעלעגט איִן אַ קאָנווערט און אָנגעשריִבען אויף איִהם: „דער מאַרקיִזע אָבּאַרדיִ״

דאַן האָט זיִ צוגערוקט איִהר סאָפֿע צום פֿענסטער, צוגעשטעלט צו איִהר אַ קליין טיִשעל אַזוי, אַז ליִגענדיִג זאָל זיִ קאָנען צו איִהם מיִט דער האַנד דערגרייכען, און אַרויפֿגעשטעלט אויף איִהם דאָס פֿלעשעל מיִט חלאָראָפֿאָרם און דערנעבען אַ שטיִקעל וואַטע.

דאָס יונגע מערעל האָט זיִך אויסגעלעגט אויף דער סאָפֿע; אַ ריִעזיִגער ראָזענשטרויך, איִנגאַנצען מיִט בּלומען בּעדעקט, האָט פֿון אונטען דערגרייכט בּיִז צו איִהר פֿענסטער, און דער צאַרטער

זיסער אראמאט פון די בלומען האט זיך אריינגעריסען אין איוועטע'ס צימער, אזוי ווי עמיצענס פרישער אטעם.

אויפ'ן דונקעלען הימעל האט זיך בעוויזען דאס ערשטע פיערטעל פון דער לבנה, איבער וועלכער עס זענען ווײַלענווײַז דורכגעלאפען לײַכטע וואלקענדלעך און איהר שײַן געמאכט נאך פאנטאסטישער.

— און איך וועל באלד שטארבען... שטארבען!... — האט איוועטע געקלערט און א הר הארץ איז צעריסען געווארען פאר שלאכצען. אין דעם אויגענבליק האט זיך איהר אזוי געוואלט זיך פאר עמיצען אויף די קניע אנידערצווארפען. בעטען אום רחמנות, לעבען בלײַבען און געליעבט זײַן.

פון אונטען האט זיך ווידער דערהערט סערוויני'ס שטימע; ער האט דערצעהלט עפעס א שמוציגען אנעקדאט און יעדע ווײַלע האט מען איהם איבערגעריסען מיט א שטארקען געלעכטער. די מארקיזע איז ווײַז אוים געווען לוסטיג נישט ווייניגער ווי די איבעריגע און האט געלאכט העכער ווי אלע, וועהרענד זי האט כסדר ווידערהאלט:

דאס איז וואונדערבאר... נאר סערוויני קאן דערצעהלען אזעלכע זאכען! חא, חא, חא!

איוועטע האט גענומען דאס פלעשעל, אויפגעפראפט און אנגעגאסען א ביסעל גיפט אויף וואטע. עפעס א מארנער, שטארקער. זיסליכער ריח האט זיך איבער'ן גאנצען צימער פערשפרײַט; זי האט שנעל אויפגעהויבען די וואטע צו'ם מויל און אײַנגעטעמט אין זיך דעם דאזיגען ריח, אײַנגעטעמט אזוי שטארק, אז זי האט זיך פערהוסט.

דאן האט זי שוין מעהר די וואטע נישט צוגענומען און כסדר געטעמט פון איהר. זי האט דורשטיג געטרונקען די דאזיגע טויט-ברענגענדע אויסדאמפפונגען, פערמאכט די אויגען און זיך בעמיהט צו פערטרײַבען פון זיך יעדען געדאנקען כדי זיך נישט מעהר צו דערמאהנען קײַן זאך און מעהר נישט בעוואוסט זײַן.

צו'ם ערשטען האט זיך איהר געדאכט, אז אין איהר ברוסט

װערט עפּעס אױסנעבראַטעט, פֿערגרעסערט, און די שװערקײט, װאָס האָט איהר נעדריקט אױפֿ'ן האַרצען, װערט ביסלעכװײז אַלץ לײַכטער און לײַכטער, אַזױ װי זי װאָלט ערגעץ פֿערשװאונדען, אװעקפֿליהען.

עפּעס װאונדערבאַר־אַנגענעהמעס האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסען אין אַלע אָדערען איהרע, עס האָט אַרײַנגעדרונגען אין אַלע טהײלען פֿון איהר קערפּער, אין די הענד, אין די פֿיס, אַזױ װי אַ זיסע מידקײט נאָך אַ פֿיבער.

איװעטע האָט פּלוצלונג בעמערקט, אַז די װאַטע איז שױן אינגאַנצען טרוקען און האָט זיך זעהר געװאונדערט, װאָס זי איז נאָך נישט געשטאָרבען.

איהרע געפֿיהלען האָבען זיך פֿערשאַרפֿט, געװאָרען עפּעס אײדעלער, עמפּפֿינדזאַמער, איצט האָט זי קלאָר געהערט יעדעס װאָרט, װאָס מען האָט גערעדט אױף דער טעראַסע; דער פֿירשט קראַװאַלאָװ האָט דאָרט דערצעהלט, װי ער האָט אױף אַ דועל געהרגעט אַ עסטרײַכישען גענעראַל...

און פֿון דער װײַטען, פֿון דאָרף, האָבען זיך געטראָגען אַהער פֿערשידענע קלאַנגען, אוּבאַװיפֿהער האָט זיך געהערט אַ בילערײַ פֿון הינד, קװאַקען פֿון פֿרעש און גערױש פֿון בױמער.

איװעטע האָט װידער אײַנגעטונקט די װאַטע אין חלאָראָפֿאָרם און עס אַרײַנגעשטעקט צו זיך אין נאָז און אין מױל. אױף אײן אױגענבליק האָט זי זיך װי פֿערגעסען און גאָרנישט געפֿיהלט. דערנאָך האָט זי װידער בעהערשט דער זעלבער װאונדערבאַרער צושטאַנד פֿון האַלב־שיכּרות.

דאָס יונגע מײדעל האָט נאָך צװײ מאָל צוגעגאָסען חלאָראָפֿאָרם און עס דורשטיג אײַנגעטעמט, איהר האָט זיך אַזױ געװאָלט, אַז די דאָזיגע פֿיזישע און גײַסטיגע בערוהיגונג זאָל שױן קײנמאָל נישט איבערגעריסען װערען. עס זאָל אײביג דױערן, אַװעקטראָגען איהר נשמה ערגעץ װײַט פֿון דער װירקליכקײט.

איהר האָט זיך געדוכט, אַז זי האָט קײן בײנער נישט, נישט קײן הענד, נישט קײן פֿיס, גאָר קײן קערפּער נישט..

אזוי ווי מען וואלט איהר דאס אלץ אבגעשניטען, נאר אזוי ווייך און צארט, אז זי האט עס אפילו נישט דערפיהלט. דער חלאראפארם האט צוגענומען פון איהר די עמפפינדזאמקייט פון קערפער, נאר דערפאר האט ער פערשארפט די ארבייט פון געדאנקען און קיינמאל האט נאך איזועטע נישט געקאנט אזוי פריי וועגען אלץ קלערען און אזוי קלאר זיך אלץ דערמאהנען.

זי האט זיך דערמאהנט טויזענדער פערשידענע אנגענעהמע, לאנג פערגעסענע קלייניגקייטען פון איהר קינדערשען לעבען און פון די ערשטע יוגענד־יאהרען. דער בעפליגעלטער געדאנקען איז מיט א אונגעוועהנליכער לייכטיגקייט איבערגעפלויגען פון איין עפאכע אין די אנדערע, דורכגעלאפען טויזענדער געשעהענישען, זיך געגראבען אין דער פערגאנגענהייט און זיך פערלארען אין געהיימע טרוימען און פערלאנגען פון דער צוקונפט, און דאס האט איזועטע'ן פערשאפט א געוואלדיגען, אונפערגלייכבארען פערגניגען, א זיגליכען צויבער צוזאמען מיט עפעס א גליקזעליגען גייסטעס־צויבער.

זי האט נאך אלץ געהערט די שטימען, נאר איצט האט זי שוין נישט מעהר אונטערגעשיידט די ווערטער, אדער זי האט זיי אליין צוגעגעבען אנ'אנדער געדאנקען, און זי האט זיך אלץ פערטיעפט עפעס אין א נייע, איהר אונבעקאנטע לעגענדארישע טרוימען־וועלט.

איהר האט זיך געדוכט, אז זי שווימט אין א גרויס שיפעל איבער א וואונדערבארען געגענד, צווישען מאסען בלומען... אויפ'ן ברעג זענען עפעס מענשען ארומגעלאפען און אלע האבען הויך גערעדט... דערנאך איז זי מיט אמאל אויף דער ערד געווען, און סערוויני, געקליידעט ווי א לעגענדארישער פרינץ, האט זי געפיהרט צו זעהן א אקסען־קאמפף.

אויף די גאסען איז רוישיג געווען: מענשען האבען זיך געזאמעלט, אלע האבען הויך געשריען, געשמועסט... זי האט זיך צוגעהערט צו די דאזיגע שמועסען און זיך גארנישט געוואונדערט אויף זיי; דאס זענען אלץ בעקאנטע שטימען געווען... דען איזועטע האט טראץ איהר פערשיכורונג נאך אלץ געהערט דאס

געלעכטער און די געשרייען אויף דער טעראסע.

דערנאך האט זיך אלץ צונויפגעמישט.

און ווען איזוועטע איז צו זיך געקומען, האט זי קוים מיט מיה זיך געקאנט דערמאהנען אלץ, וואס איז געווען. און זי האט זיך געפיהלט גאר גאר שוואך.

הייסט עס, זי איז ווידער נישט געשטארבען!

און איהר איז אין דער מינוט אזוי גוט געווען, עס איז איהר אזוי געשמאק געווען איהר פיזישע און גייסטיגע רוהיגקייט, אז זי האט גארנישט געוואלט אזוי גיך שטארבען און האט געהאפט, אז דאס דאזיגע וואונדערבארע פערגעסען־זיך וועט אייביג דויערן.

זי האט געטעמט פאמעליך, נאר טיעף און מיט דער פולער ברוסט און האט אלץ געקוקט אין פענסטער אויף די לבנה, וואס האט צווישען די בוימער געשימערט. איצט האט זיך עפעס אין איהר אליין אומגעביטען, זי האט שוין אבסאלוט וועגען קיין זאך נישט געקאנט קלערען. דער חלאראפארם האט איהר חילען אבגעשוואכט, בערוהיגט די וואונדען פון איהר צע־חעהטאגטען הארצען און אבגענומען פון איהר די ענטשלאסענהייט צו שטארבען.

צו וואס שטארבען, ווען מען קאן לעבען און געליעבט זיין? דען זי האט דאך אויך רעכט אויף גליק געהאט און געקאנט גליקליך זיין? יא, איצט האט זיך איהר אלץ אויסגעוויזען פאר מעגליך און לייכט אויסצופיהרען. אלץ אין לעבען איז געווען שען, אנגענעהם, צויבערהאפט!... נאר איזוועטע'ן האט זיך ווידער פערוואלט אוועקפליהען אין די פאנטאזיען־וועלט און זי האט זיך אנגענאסען נאך עטליכע טראפען פון דעם דאזיגען צויבערהאפ־טען וואסער אויף איהר אויסגעטריקענטע וואטע, נאר דאס מאל האט זי דאס שוין נישט אזוי שטייף ארייננגערוקט אין מויל און אין נאז און נישט אזוי דורשטיג איינגעטעמט, כדי זיך נישט צו פערגיפטען און נישט צו שטארבען. איזוועטע האט אויף די לבנה געקוקט און האט אין איהר געזעהן א געשטאלט פון א פרוי. דאס יונגע מעדעל האט ווידער אנגעהויבען פאנטאזירען אונ־טער דער ווירקונג פון חלאראפארם.

די דאָזיגע פרויענגעשטאַלט דאָרט, אין מיטען הימעל, האָט זיך געוויגט פון איין זייט אויף די אַנדערע, דערנאָך איז זי שטעהן געבליבען און אָנגעהויבען זינגען מיט אַ שטימע, וואָס איז איוועטע'ן גוט בעקאַנט געווען, דעם „ליעבעס-הימנוס“.

דאָס איז געווען די שטימע פון דער מאַרקיזע, וועלכע איז ווירקליך איבערגעגאַנגען פון דער טעראַסע אין זאַל אַריין, זיך געזעצט צום פּיאַנאָ און אָנגעהויבען זינגען.

איצט האָט זיך איוועטע'ן געדוכט, אַז פליגעל זענען איהר אויסגעוואַקסען און זי איז געפלויגען אין דער ווייכער נאַכט-לופט, ווייט ווייט, איבער וועלדער, איבער בערג, איבער א ריזיגען טייך. זי איז געפלויגען מיט פערגניגען, ברייט אויסגעשטרעקט איהרע מעכטיגע פליגעל, זיך געטראָגען צוזאַמען מיט'ן ווינד, צווישען די צערטליכקייטען פון זיינע בלאָזען. זי איז אינגאַנצען געווען איינגעהילט אין דער דאָזיגער וואונדערבאַרער נאַכט-לופט; די נאַכט-לופט האָט איהר קערפער געקושט, זי געצערטעלט און זי איז געפלויגען אַלץ שנעלער און שנעלער, אַז זי האָט אַפילו נישט בעוויזען אונטען אויף די ערד אַ קוק צו טהון... דערנאָך איז זי פּלוצלונג מיט אַ מאָל געשטאַנען אויפ'ן ברעג פון אַ גרויסען טייך מיט אַ נעץ אין דער האַנד און האָט אָנגעהויבען פיש פאַנגען.

די נעץ איז געוואָרען שווער, שווער; זי האָט זי קוים מיט מיה אַרויסגעשלעפט און דערזעהן אויף איהר שפּיץ אַ וואונדערשענעם פערלענרונג, וואָס האָט שוין פון לאַנג זי צו זיך געצויגען פונ'ם פענסטער פון אַ יוועליר-מאַגאַזין. איוועטע האָט זיך גאָר נישט געוואונדערט אויף אַזאַ מציאה און האָט לוסטיג געשפּאַסט מיט סערוויני... עפּעס איז ער גראָד אויך געווען ביי דעם דאָזיגען טייך און האָט צוזאַמען מיט איהר געפאַנגען. אויף זיין נעץ האָט זיך געטרייסעלט אַ גרויס האָלצערן פערד.

דאַן איז איוועטע ווידער צו זיך געקומען און גראָד אין דעם אויגענבליק האָט זי דערהערט, ווי די מוטער שרייט צו איהר פון אונטען:

— אָבער פערלעש דאָך דיין ליכט!

און גלייך דערויף האָט זיך דערהערט די קלינגענדיגע שפּאַס

פולע שטימע פון כערוויני:

— מאמזעל איוועטע, פערלעשט אייער ליכטעל!
און די איבעריגע האבען אין חאר אונטערגעהאלפען:
— מאמזעל איוועטע, מאמזעל איוועטע, פערלעשט אייער ליכטעל!

דאס יונגע מעדעל האט ווידער איינגענעצט די וואטע מיט חלאראפארם. נאר איצט האט זי שוין אזוי מורא געהאט צו שטארבען, אז זי האט די וואטע צו'ם סאמע געזיכט שוין נישט צוגעטראגען, נאר עס געהאלטען ערווייטערט, כדי זי זאל אליין קאנען עטעמען פרישע לופט; זי האט געוואוסט, אז ווארשיינליך וועט מען באלד צו איהר אריינקומען און האט געוואלט, אז אין צימער זאל זיך פיהלען גיפט. דאן האט זי זיך געלעגט אין א פאזע פון א געשטארבענער און אנגעהויבען ווארטען.

— וואס אנ'אמת, איך ווער אונרוהיג, — האט זיך ווידער דערהערט דער מארקיזע'ס שטימע. — די דאזיגע איוועטע איז אזוי נישט פארזיכטיג, אז זי האט נאך אפשר געקאנט איינשלאפען און איבערגעלאזט איפ'ן טיש א ברענענדע ליכט. מען מוז שיקען אהין די דיענסט קלעמענטינע, זי זאל פערלעשען דאס פייער און פערמאכען איהר פענסטער, וואס איז נאך אפען!

און באלד דערנאך האט אין איוועטעס צימער אנגעקלאפט די דיענסט און גערופען:

— פריילין! פריילין!

דאן האט זי ווייטער גערעדט נאך א קורצע פויזע:

— פריילין, די הערין מארקיזע בעט אייך צו פערלעשען דאס ליכט און פערמאכען דאס פענסטער!

קלעמענטינע האט נאך אונטערגעווארט, דאן האט זי אנגעהויבען קלאפען שטארקער און רופען העכער:

פריילין! פריילין!

נאר קיין ענטפער האט זי נישט בעקומען; די דיענסט איז אראב צו דער מארקיזע און געזאגט צו איהר:

— דאס פריילין איז געוויס איינגעשלאפען. די טהיר איז דארט פעררינגעלט און איך האב זיך אין קיין פאל נישט געקאנט דערקלאפען.

— אָבער מען קאָן זי דאָך נישט לאָזען אַזוי שלאָפען, — האָט מאַדאַם אָבאַרדי אַ מורמעל געטהון.

דאַן האָבען זיך, לויט סערוויני׳ס עצה, אַלע פערזאַמעלט אונטערן פענסטער פון׳ם יונגען מעדעל און מיט׳ן גאַנצען כח אָנגעהויבען שרייען אין חאָר:

— היפ, היפ! אורררראַ! מאַמזעל איוועטע!

זייערע שטימען האָבען זיך קלאַנגפול אויפגעהויבען צו דער לבנה און דער דורכזיכטיגער בלויקייט פון דער איינגעשלאָפענער לופט און זייער ווידערקול האָט זיך צעטראָגען איבער דער גאַנ־צער אומגעגענד; דאַן זענען זיי ביסלעכווייז פערשוויגען געוואָרען, ווי עס ווערט פערשוויגען די קלאַפערייַ פון אַ באַהנצוג פון דער ווייטען.

נאָר איוועטע האָט גאָרנישט געענטפערט.

— צי האָט זיך דאָרט נישט געטראָפען עפּעס מיט איהר, איך הויב זיך אָן אויף אַ׳אמת מורא צו האָבען! — האָט די מאַר־קיזע אַ מורמעל געטהון.

סערוויני האָט אָבגעריסען רויטע ראָזען און בוטאָנען פון דעם גרויסען ראָזענשטרויך און האָט זיי אָנגעהויבען געשיקט אַרייַנצוּוואַרפען דורך דאָס אָפענע פענסטער.

איוועטע איז אינגאַנצען אויפגעציטערט געוואָרען, ווען די ערשטע ראָזע איז אַראָבגעפאַלען אויף איהר, און האָט שיער נישט אַ געשריי געטהון. גלייך נאָך דער ערשטער איז געפאַלען אַ צוויי־טע, אַ דריטע און גאַנצע הויפענס ראָזען האָבען באַלד באַשאָטען דעם גאַנצען קערפער פון׳ם יונגען מעדעל: איהרע האָר, די גאַנ־צע פּאָדלאָגע און אפילו דאָס בעט אויף יענער זייט צימער איז אינגאַנצען בעדעקט געוואָרען מיט אַ בלומענרעגען.

— אַ נו שוין, איוועטע, ענטפער אונז! — האָט נאָך אַ מאָל אַ געשריי געטהון די מאַרקיזע מיט אַ פון שרעק געדריקטער שטימע.

— דאָס איז עפּעס מערקווירדיג!... איך וועל גלייך אַרייַנ־קריכען אַהין דורכ׳ן באַלקאָן, — האָט סערוויני געענטפערט.

נאָר וואָלרעאַלי האָט פּראָטעסטירט.

— ניין, ענטשולדיגט, ענטשולדיגט!... פארוואס גראד איהר?... איך פראטעסטיר, דען דאס איז דאך א גרויסע עהרע!... א גאנץ בעקוועמער מאמענט פאר א ראנדעוואו!

און אלע האבען אין חאר וויעדערהאלט:

— ניין, ניין... דאס האט איהר זיך געווים פאראוים אבגערעדט... מיר וועלען סערוויגין ניט ערלויבען ארייגצוקריכען!

אלע זענען לוסטיג געווארען, נאר די מארקיזע אליין איז ווי פריהער געוועזען אונרוהיג און האט אלץ וויעדערהאלט:

— אבער עמיץ מוז דאך א קוק טהון, וואס דארט טהוט זיך!

— פערראט, מיינע העררן, די מארקיזע העלפט דעם הערצאג! — האט דער פירשט אויסגעשריען מיט א דראמאטישען זשעסט:

— לאמיר שפיעלען אין „קאפ און אדלער”, כדי דער שיקזאל אליין זאל בעשליסען, ווער פון אונז זאל ארייגקריכען, — האט וואלרעאלי פארגעלעגט און ארויסגענומען פון קעשענע א גאלדענעם הונדערט-פראנק-שטיק.

ער האט אנגעהויבען שפיעלען מיט'ן פירשט.

— קאפ! — האט ער געזאגט אונטערווארפענדיג די מטבע.

נאר ס'איז אויסגעפאלען אדלער.

דאן האט דער פירשט אונטערגעווארפען די מטבע און געזאגט צו סאוואל'ן:

— זאגט וואס, קאפ צי אדלער?

— אדלער! — האט סאוואל אויסגעשריען.

ס'איז אבער געוועזען קאפ.

דער פירשט האט פארטגעזעצט די שפיעל און האט זיך געווענדעט צו אלעמען אייגציגווייז, נאר אלע האבען פערשפיעלט.

— דוכט זיך, ער מאכט פאלשען! — האט סערוויגי אויסגעשריען; נאר ער אליין האט נאך דאס גליק ניט געפרובט.

דער רוסישער פירשט האט ארויפגעלעגט די האנד אויפ'ן

הארצען און אויסגעשטרעקט די מטבע צו סערוויני'ן און געזאגט:

— ווארפט אליין אוים, ליעבער הערצאג!

סערוויני האט א געשריי געטהון:

— אדלער! — און מיט א געלעכטער א ווארף געטהון דאס הונדערט-פראנק-שטיק.

ס'איז אויסגעפאלען קאפ.

דאן האט ער דעם פירשט אנגעוויזען אויף די זייל'ען פון באלקאן און געזאגט:

— ביטע, אייער דורלויכט.

נאר דער פירשט האט זיך פון ארט נישט גערירט און האט עפעס אונרוהיג זיך ארומגעקוקט אויף אלע זייטען.

— וואס ווכט איהר? — האט וואלרעאלי געפרעגט.

— אבער... איך... איך ווייס נישט... צי איז דא נישטא א מאל א לייטער...

אלע האבען זיך הויך צעלאכט.

— מיר וועלען אייך העלפען, — האט סאוואל געזאגט און ארויסגעטרעטען פארווערטס.

ער האט איהם אויפגעהויבען אין זיינע הערקולעס-ארעמס און געזאגט:

— חאפט זיך אן אונטען פאר דער באלוסטראדע פון באלקאן!

דער פירשט האט זיך גלייך אנגעחאפט מיט ביידע הענד: דאן האט איהם סאוואל אבגעלאזט און ער איז געבליבען הענגען אין דער לופט, מאכענדיג פערצווייפעלט מיט די פיס אין לעדיגען רוים, אזוי ווי ער וואלט זיך בעמיהט צו געפינען, אין וואס זיך אנצושפארען. דאן איז צו איהם צוגעשפרונגען סערוויני און מיט'ן גאנצען כח איהם פאר די פיס א ציה געטהון; דער ארעמער פירשט האט נישט אויסגעהאלטען און איז ווי א שטיין אראבגעפאלען רע-בעלוויני'ען אויפ'ן בויך, וועלכער האט איהם נאר וואס געוואלט אונטערשטיצען.

— און ווער וויל איצט? — האט סערוויני געפרעגט.

קיינער האט זיך נישט אבגערופען.

— אַ נו, בעלווין, מוטיגער... — האָט סערוויני ווייטער פאָרגעלעגט.

— ניין, אַ דאַנק, מיין ליעבער, מיר איז נאָך דאָס לעבען נישט מיאוס געוואָרען!

— און איהר, וואַלרעאַלי? איהר האָט דאָך געוויס פיעל פּראַקטיק אין אַזאַ סאָרט גימנאַסטיק?

— איך לאָז גערן איבער פאַר אייך די דאָזיגע עהרע, ליעבער הערצאָג!

— יאָ... פערשטעהט איהר... איך האָב שוין אַליין נישט קיין שטאַרקען חשק אהין צו געהן!...

סערוויני האָט אַלע מאָל געקוקט אין דער הויך און זיך אַלץ געדרעהט אַרום זאַל.

דאַן האָט ער פּלוצלונג אַ שפּרונג געטהון, זיך אָנגעחאַפּט פאַר'ן באַלקאָן ווי אַן אמת'ער גימנאַסט, זיך אויפגעהויבען אויף די הענד און אַריבערגעשפּרונגען איבער דער באַלוסטראַדע.

אַלע זענען געבליבען שטעהן אַזוי ווי אָבגעשטאָרבען מיט אויסגעצויגענע העלזער און האָבען הויך אַפּלאָדירט.

נאָר אין אַ ווייַלע אַרום האָט זיך סערוויני ווידער בעוויזען אויפ'ן באַלקאָן און הויך געשריען:

— גיבער, אַהער, גיבער! איוועטע ליעגט אין חלשות!

די מאַרקיזע האָט אויפגעשריען און זיך אַ לאָז געטהון אויף די טרעפּ.

דאָס יונגע מעדעל איז געלעגען מיט פערמאַכטע אויגען און איז פאָרגעשטעלט פאַר אַ טויטע:

די מוטער האָט זיך אין שרעק צו איהר אַ וואָרף געטהון.

— וואָס איז דאָס?... וואָס איז איהר?... — האָט זי געשריען.

— זי האָט זיך גע'סמ'ט, — האָט סערוויני געזאָגט און אויפגעהויבען פון דער ערד דאָס אָראָבגעפאַלענע פלעשעל מיט חלאָראָפאָרם.

דאַן האָט ער צוגעדריקט אַ אויער צו איוועטע'ס הארצען און שטיל געזאָגט:

— זי איז נישט געשטאָרבען... מיר וועלען זי רעטען... גיט מיר א מאָניאַק!...

די אינזינינג געוואָרענע דיענסט איז אַרומגעלאָפען אין צימער, נישט ווי׳סענדיג, וואָס ער וויל.

— וואָס ווילט איהר, העררר, וואָס זאָל איך ברענגען?

— סאַלמיאַק־ספירט!

— גלייך, גלייך!...

— גיכער, לאָזט די טהיר אָפען, ס׳זאָל זיין א צוג!

די מאַרקיזע איז געשטאַנען פאַר דער טאָכטער אויף די קניה און הויך געשלאָכצט:

— איוועטע, איוועטע!... מיין מעדעל, מיין קינד, הער אויס, ענטפער מיר!... אַח, מיין גאָט, מיין גאָט, וואָס איז איהר?

די ערשראָקענע מענער האָבען אויך נישט געוואוסט וואָס צו טהון; זיי זענען אַרומגעלאָפען, געבראַכט וואַסער, האַנטיכער, גלעזער, עסיג...

— מען מוז זי אויסטהון, — האָט עמיץ געזאָגט.

די מאַרקיזע האָט גאָר דעם זינען פערלאָרען און זיך א לאָז געטהון אויסצוטהון די טאָכטער; נאָר זי האָט כמעט נישט געוואוסט, וואָס זי טהוט, די הענד האָבען ביי איהר געציטערט די פינגער האָבען נישט געפאָלגט, אַלץ האָט זיך צונויפגעמישט און זי האָט מיט בעקלאָגונג געזיפצט:

— איך... איך... איך קאָן נישט... איך קאָן נישט!

ענדליך איז די דיענסט געקומען פון אַפטייק און געבראַכט א פלעשעל מיט סאַלמיאַק־ספירט. סערווינו האָט עס אויפגעפראָפט איינגענעצט זיין טיכעל און עס שטייף צוגעדריקט צו איוועטע׳ס נאָז.

דאָס יונגע מעדעל האָט קוים בעמערקבאַר א ציטער געטהון.

— נו, ס׳מאַכט נישט אויס, זי עטעמט, — האָט סערווינו געזאָגט, — עס וועט שוין זיין גוט!

און ער האָט מיט סאַלמיאַק אָבגעוואַשען איוועטע׳ס שלייפען, באַקען און האַלז, כדי זי אינגאַנצען אָבצומינטערן.

דאן האט ער מיט א צייכען בעפיהלען דער דיענסט איינצושנורעווען די קראנקע, און ווען אויף איוועטע'ן איז געבליבען נאר א העמד און א קליידעל, האט ער זי פארזיכטיג אויפגעהויבען און ארויפגעטראגען אויפ'ן בעט. ער איז איינגאנצען אויפגעציטערט געווארען פון דעם אראמאט און דער ווארעמקייט פון דעם דאזיגען כמעט שוין איינגאנצען נאקעטען קערפער, דער קאפ האט זיך איהם פערדרעהט און ער איז געווען שרעקליך בלאס.

— נו, איצט וועט זי שוין צו זיך קומען! — האט סערווינו געזאגט נאכדעם ווי ער האט אויסגעלעגט דאס יונגע מעדעל. ער האט געהערט, אז איוועטע עטעמט גאנץ רעגעלמעסיג און האט נעפיהלט, ווי איהר עלאסטישע ברוסט הויבט זיך גלייכמעסיג.

די מענער האבען ארומגערינגעלט דאס בעט און גיעריג געקוקט אויף די ליגענדע איוועטע. סערווינו איז געווארען נאר אנגעצונדען פאר איפערזוכט און האט געזאגט מיט א טרוקענעם, בעפויהלענדען טאן, וואס ערלויבט נישט קיין אבענטפער:

— אנו, מיינע העררן, אין דעם צימער איז שוין צופיעל מענשען; זייט אזוי גוט, לאזט אונז איבער אליין, די מארקיזע, פאוואל'ן און מיך!

אלע זענען פאלגזאם פון צימער ארויס.

מאדאם אבארדי האט אנגעכאפט איהר געליעבטען פאר די האנד און אין פערצווייפלונג געשריען צו איהם:

— א, רעטעט זי... רעטעט!...

אין דער צייט האט סערווינו זיך צופעליג אומגעדרעהט און דערזעהן דעם בריעף אויפ'ן טיש. ער האט איהם שנעל א כאפ געטהון, איבערגעלייענט דעם אדרעס, אליין פערשטאנען און א קלער געטהון: „אפשר איז גלייכער צו בעהאלטען דעם בריעף פון דער מארקיזע?" — דאן האט ער דרייסט געעפענט דעם קאנווערט און דורכגעלייענט:

„איך שטארב, כדי נישט צו ווערען קיין פערקויפטע געליעבטע.

איוועטע.

אדיע, ליעבע מאמא, און ענטשולדיג!"

— אח, צום טײַוועל! — האָט סערווינע צו זיך געזאָגט — וואָגען דעם מוז מען אַ טראַכט טהון!

און ער האָט בעהאַלטען דעם בריעף אין קעשענע, דאַן איז ער צוגעגאַנגען צום בעט; פּלוצלונג איז איהם אין קאָפּ דורכגעלאָפען אַ געדאַנק, אַז דאָס יונגע מעדעל איז שוין אפשר צו זיך געקומען, נאָר זי וואַגט זיך נישט אַ ריהר צו טהון, שעמט זיך, האָט מורא, מען זאָל זי נישט אויספרעגען.

די מאַרקיזע איז ווידער געפאַלען אויף די קניע צו פוסען פון בעט און שטורמיש געוויינט, דאָס געזיכט אין קאָלדרע אײַנגעגראָבען.

— אַ דאָקטאָר, אַ דאָקטאָר דאַרף מען רופען!... — האָט זי פּלוצלונג אַ געשרײַ געטהון. נאָר סערווינע האָט שוין בעוויזען זיך דורכצורעדען מיט סאַוואַל'ן און האָט די מאַרקיזע בערוהיגט. — איצט איז שוין אַלץ פאַריבער! — האָט ווער געזאָגט צו איהר, פאָלגט מיך און געהט אַרויס אויף אײַניגע מינוט. איך זאָג אײַך צו, אַז ווען איהר וועט צוריקקומען וועט אײַך איוועטע אומאַרמען. — סאַוואַל האָט אונטערגעהויבען מאַדאַם אַבאַרדי און האָט זי כמעט מיט געוואַלד פון צימער אַרויסגעפיהרט.

דאַן האָט זיך סערווינע צוגעזעצט צום בעט, גענומען איוועטע'ן פאַר דער האַנד און שטיל אײַנגערוימט

— מאַמזעל... הערט מיך אויס!...

זי האָט גאָרנישט געענטפערט. ס'איז איהר געווען אַזוי רוהיג, אַזוי גוט צו ליעגען אין דעם דאָזיגען ווייכען וואַרעמען בעט, אַז ס'האָט זיך איהר געוואָלט דאָס גאַנצע לעבען אַזוי פערברענגען און זיך מעהר קיינמאָל נישט בעוועגען און נישט רעדען. איוועטע'ס גאַנצען וועזען האָט בעהערשט אַ וואונדערבאַרעם בערוישענדעם געפיהל, ווי זי האָט נאָך ביז דאַן קיינמאָל געפיהלט.

די ווייכע נאַכט-לופט האָט זיך שטראָמענווײַז אַרײַנגעגאָסען אין איהר צימער און געצערטעלט איהר געזיכט מיט איהר צאַרטען סאַמעטענעם אָטעם. דאָס איז געווען אַ וואונדערבאַרע צערטליכקייט, אַזאַ מין בערוישענדער קוש, אָדער אַ פרישער בלאָ

פון עפעס א צוביבערהאפטען פעבער, וואס איז אויסגעוועבט פון אלע בלעטער פון די וואלד-בוימער, פון נאבט-שאטען, פון טייך-נעבלען און פון בלומען. די ראזען. וואס זענען געוועזן אין צימער צעווארפען, און די פרישע ראזען, וואס זענען נאך נישט געוועזן אבגעריסען פון גרויסען ראזענשטרויך, האבען צוגעמישט זייער זיסען אראמאט צו דער דאזיגער געזונדער ריינער נאכט-לופט.

איוועטע האט זי געטרונקען מיט א פולער ברוסט, נישט עפנענדיג די אויגען, זי איז נאך געווייסערמאסען אלץ געוועזן אונטער דעם איינפלוס פון חלאראפארם, נאר איצט האט זיך איהר שוין גארנישט געוואלט שטארבען, נאר פערקעהרט. זי האט לייידענשאפטליך געוואלט לעבען, נישט אבשטויסען דאס גליק, מעג עס זיין ווי עס איז, אליין ליעבען און געליעבט זיין.

— מאמועל איוועטע, הערט מיך אויס! — האט סערוויני ווידערהאלט.

דאס יונגע מעדעל האט זיך בעשלאסען די אויגען צו עפענען.

— אוי. אוי. אוי, ווי שעמט איהר זיך עס נישט צו טהון אזעלכע אונזיניגע זאכען! — האט ער ווייטער גערעדט, זעהענדיג אז זי האט אבגעלעבט.

— ליעבער מוסקאד, מיר איז אזוי שווער געוועזן! — האט איוועטע א מורמעל געטהון.

ער האט צארט, פאטערליך איהר די האנד א דריק געטהון.

— דאדורך וואלט איהר סיי ווי גארנישט אויסגעפיהרט! איצט זאגט מיר צו, אז מעהר וועט איהר שוין אזעלכעס נישט טהון.

איוועטע האט נישט געענטפערט, נאר א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ אויף יא און קוים בעמערקבאר א שמייכעל געטהון.

— זאל איך דאס אבגעבען אייער מוטער. — האט סערוויני געפרעגט ארויסנעהמענדיג פון קעשענע דעם בריעף, וואס ער האט אויפ'ן טיש געפונען.

זי איז פינסטער געווארען און אנגעוויזען מיט א צייכען אויף „ניין".

סערוויני האט נישט געוואוסט, וואס ער זאל ווייטער

רעדען. די לאגע האט זיך איהם אויסגעוויזען פשוט אהן א אויס־גאנג און ער האט שטיל געזאגט:

— מען מוז קאנען שלום מאכען מיט די שוועריגקייטען פון לעבען. איך פערשטעה פאלשטענדיג אייער אונגליק און איך זאג אייך צו...

— איהר זענט אזא גוטער!... האט זי איהם איבער־געריסען.

זיי זענען שטיל געבליבען. סערוויני האט איהר שארף געקוקט אין די אויגען, און זיי האט א שיין געטהון עפעס צאר־טעס, עפעס צוציהענדעס, און פלוצלונג האט איוועטע אויפגע־הויבען ביידע הענד, ווי זי וואלט איהם געוואלט צו זיך צוציהען. ער האט פערשטאנען, אז זי רופט איהם, האט ער זיך איינגע־בויגען צו איהר און זייערע ליפען זענען פעראייניגט געווארען.

זיי האבען זיך לאנג נישט געקאנט אברייסען איינס פון צווייטען און זענען אזוי ווי אבגעשטארבען אין דעם דאזיגען קוש. נאר סערוויני איז דער ערשטער צו זיך געקומען, ער האט פערשטאנען, אז ער קאן דעם זינען פערליערען, אז מען טאר דעם געפיהל קיין פרייהייט נישט געבען, און ער איז אויפגעשטאנען.

איוועטע האט געשמייכעלט צו איהם מיט א שמייכעל פון צארטקייט און ליעבע, מיט ביידע הענד האט זי איהם אנגע־חאפט פאר'ן אקסעל און בעמיהט זיך איהם צו פערהאלטען.

איך וועל געהן נאך אייער מוטער, — האט ער געזאגט:

— נאך איין אויגענבליק... — האט זי איינגערוימט, — מיר איז אזוי גוט! — דאן האט זי צוגעגעבען גאנץ שטיל, אזוי שטיל, אז ער האט קוים דערהערט:

— איהר וועט דאך מיך ליעבען, יא?

סערוויני האט זיך געשטעלט פאר איהר אויף די קניה, צארט איהר האנד א קוש געטהון און איינגערוימט:

— איך פערגעטער אייך!

נאר הינטער דער טהיר האבען זיך עמיצענס טריט דער־הערט. ער איז שנעל אויפגעשפרונגען און אויסגעשריען מיט

זײַן געװױהנליכער, קױם קױם שפּאַטישער שטימע;

— קומט אַרײַן! איצט איז שױן אַלץ אין אָרדנונג!

די מאַרקיזע האָט זיך געװאָרפען אין דער טאַטעס אָרעמס און לײַדענשאַפטליך זי צוגעדריקט צו זיך, בעגיסענדיג זיך מיט טרעהרען, און סערװיני, אײַנגאַנצען אױפגערעגט און גליקליך, איז אַרױסגעגאַנגען אױפ׳ן באַלקאָן צו כאַפּען פרישע נאַכט-לופט און ער האָט שטיל אונטערגעזונגען:

פערשידען זענען אַפט די פרױען;
נאָר אַ נאַר װעט זײ געטרױען!

זײַבערװעצט